עִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק (תורה ח)

קונטרס

# רוחא דחיי

שיחות ומאמרים
ע"פ משנתו של
רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת

## הרה"ח ר' חיים בנימין ורטהיימר ז"ל

### קונטרס י"ג

"לשמוח כל השנה"

# תוכן השיחה

א גאנץ יאר פרייליך..

מיר האבן נישט גענוג געניצט די מתנה..

ר"ה טוט זיך געוואלדיגע געוואלדיגע זאכן..

הויבט אן דערהערן וואס איר גלייבט!!

תשובה טאן אז מ'גלייבט נאכנישט גענוג אין ר"ה

ווי אזוי איז מען כובש ארץ ישראל?

דער רבי שיסט 'אטאם–באמבע'ס'!

"איך אָן אייך, קען נישט!"

דער רבי איז כובש די וועלט!

מיר זענען פארטיזאנען – די מלחמה פירט דער רבי!

"עדה קדושה ונוראה"

די אמת'ע "מחריבי ירושלים"!

די "פרסום" פון די תאוות..

די וועלט דרייט זיך איבער – וואו איז דער סוף?!

מיר זענען דא – נאר וועגן דעם 'אשרינו'!

הערות והארות ניתן להשאיר ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 0

© כל הזכויות שמורות

כדי לקחת זכות והשתתפות בהוצאת הקונטרסים ניתן לפנות

בירושלים 05331.93747 בבי"ש 05341.52325

לתרומה ממוחשבת בכרטיס אשראי ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 9>1

ניתן להאזין לשיעור ב"קו רוחא דחיי" טל' 02.3.02.47.43 שלוחה 2>13

גרפיקה ועימוד: י. גרוס 0527644765

הוצאות עריכת הקונטרס נתנדב
ע"י החפץ בעילום שמו
לברכה והצלחה
ולהמתקת כל הדינים
ממנו ומכיוצ"ח ומכל כלל ישראל

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב
ע"י ר' שניאור זלמן חנון
שליט"א
לרגל הולדת בנו אורי למז"ט
ובזכות מצוות זיכו הרבים
יזכו לרוות רוב נחת דקדושה
מכיוצ"ח

*חדש!* ישמח לב מבקשי ה' **קו רוחא דחיי** 02.3.02.47.43 שמעו ותחי נפשכם!

# "לשמוח כל השנה"

### די געוואלדיגע מורא'דיגע שמחה

**אז מיר זענען געווען ראש השנה ביים רבי'ן**

[שיחה שנמסרה בחבורת האברכים בי"ש – י"א אלול תשע"ט]

## א גאנץ יאר פרייליך..

ב"ה מ'גרייט זיך שוין אויף ראש השנה, דער רבי האט געזאגט אז "**מי שהיה אצלי בראש השנה, ראוי לו לשמוח כל השנה**" - מיט דער ראש השנה פון פאר א יאר האבן מיר זיך נאך צו פרייען מיט דעם.. א גאנץ יאר דארף מען זיין פריילאך מיט דעם פריערדיגן ראש השנה, דער ראש השנה איז דער תיקון פון יעדן טאג אין יאר.

מ'האט שוין געברענגט דא נישט איינמאל, די בריוו פון ר' נתן[א] - אז גלייך, צוויי וואכן נאך ראש השנה, שרייבט ער צו זיין זוהן: אז ס'גייט איבער [אויף דיר] אינמיטן, זאלסטו נישט פארגעסן, ביסט געווען אויף ראש השנה "**בתוך**

---

**א.** על"ת מכתב ר"נ חוה"מ סוכות תקצ"ח: ..הֻכְפַּל הַדָּבָר בְּאַזְהָרָה כְּפוּלָה וּמְשֻׁלֶּשֶׁת שֶׁלֹּא יִהְיֶה לְךָ שׁוּם מָרָה שְׁחוֹרָה וכו' רַק לְהִתְחַזֵּק בְּשִׂמְחָה. **וְאַל תִּשְׁכַּח שֶׁתְּהִלָּה לָאֵל הָיִיתָ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַזֶּה בְּתוֹךְ עֵדָה קְדוֹשָׁה וְנוֹרָאָה כָּזֹאת. וּכְבָר הִזְהִירָנוּ הוּא זַ"ל (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן תג) שֶׁמִּי שֶׁהוּא אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה צָרִיךְ לִשְׂמֹחַ בְּכָל הַשָּׁנָה.** וְאָמַר בְּפֵרוּשׁ "אִכְלוּ מַעֲדַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַקִּים כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם", כִּי הַמִּקְרָא הַזֶּה נֶאֱמַר עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

**עדה קדושה ונוראה"**, און דער רבי זאגט, **"מי שהיה אצלי על ראש השנה צריך לשמוח כל השנה"**, א גאנץ יאר זיך פרייען! - מיט אלעס וואס גייט איבער דארף מען זיין פריילאך (מיט דעם ר"ה).

אלע זאכן, וואספארא מיני זאכן ס'גייט אריבער אויפן מענטש, דארף מען וויסן: 'איך בין שוין געוועןביים רבי'ן ראש השנה! **"אכלו מעדנים ושתו ממתקים**[ב]" - איך בין געווען ביים רבי'ן ראש השנה, איך בין שוין געווען ביים רבי'ן ראש השנה!

דאס הייסט, אז מיטן ראש השנה איז מען מתקן דעם יאר! [איי] א מענטש איז געווען ביים רבי'ן ראש השנה, און נאך ראש השנה הוה מה דהוה.. – נאר [פשט איז:] דער ראש השנה דאס איז שוין א חותם, א "**חותם בתוך חותם**", ראש השנה ווערט פא'חתמ'עט דער יאר.

א ראש השנה וואס מ'איז ביים רבי'ן, באקומט מען א פארמאכטע זאך, און דער יאר איז שוין אינגאנצן אינגאנצן אנדערש. ווי דער רבי רופט עס "**מרישא האי לרישא אחרא**[ג]", מען נעמט ארויס, מען נעמט אונז ארויס פון די רשות פון סטרא אחרא צו רשות פון די קדושה.

דער ראש השנה איז א פעולה, איין פעולה אויף א גאנץ יאר. עד כדי כך, אז דער רבי האט גלייך נאך ראש השנה געזאגט[ד]: **"אז ער הערט זיך שוין**

---

**ב.** חיי"מ ת"ג. וראה בליקו"ה : וְעַל-כֵּן בֶּאֱמֶת צְרִיכִין לִנְסֹעַ לְצַדִּיקֵי אֱמֶת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁהֵם יְכוֹלִין לְהַמְשִׁיךְ דַּרְכֵי הַתְּשׁוּבָה אֵלּוּ, וְהָעִקָּר לְהַמְתִּיק תֹּקֶף הַדִּין שֶׁל רֹאשׁ הַשָּׁנָה וּלְהַמְשִׁיךְ עַל עַצְמָן שִׂמְחָה אָז, כְּמוֹ שֶׁהִזְהִיר אַדְמוֹ"ר ז"ל, שֶׁבְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה צְרִיכִין לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה. וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב בִּנְחֶמְיָה לְעִנְיַן רֹאשׁ-הַשָּׁנָה (נְחֶמְיָה ח): **אִכְלוּ מַשְׁמַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַּקִּים וְאַל תֵּעָצֵבוּ כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם וְכוּ'**.

**ג.** ראה בליקו"מ תורה כ' בסופו: "**מֵרֵישָׁא הַאי לְרֵישָׁא אָחֳרָא**" (ספרא דצניעותא פ"ג) - הַיְנוּ לְהַכְנִיעַ רָעָתָם כַּנַּ"ל וּבָזֶה מוֹצִיא אוֹתָם מִתַּחַת רְשׁוּת דְּסִטְרָא אָחֳרָא וּמַכְנִיס אוֹתָם תַּחַת רְשׁוּת הַקְּדֻשָּׁה, וְזֶהוּ מֵרֵישָׁא הַאי לְרֵישָׁא אָחֳרָא.

**ד.** שיחות הר"ן רט"ו: אָמַר: אֶצְלִי הָעִקָּר הוּא רֹאשׁ הַשָּׁנָה, **וְתֵכֶף כְּשֶׁחוֹלֵף וְעוֹבֵר רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֲנִי מַטֶּה אָזְנִי וְשׁוֹמֵעַ אִם מַכִּין בַּכֹּתֶל לְעוֹרֵר לִסְלִיחוֹת לַשָּׁנָה הַבָּאָה**. כִּי אֵין שׁוּם זְמַן כְּלָל, כִּי כָּל הַשָּׁנָה חוֹלֵף וְעוֹבֵר כְּהֶרֶף עַיִן. וראה בחיי"מ קצ"ז משיחתו של רביה"ק באומין - כ"ד

**נאר איין ווען מ'רופט צו סליחות אויפן נייעם יאר, אויפן קומענדיגן ראש השנה"**. דאס הייסט, דער גאנצער יאר, דער גאנצער יאר איז נתתקן מיטן ראש השנה. דארף מען זיין פריילאך מיטן ראש השנה א גאנץ יאר, א גאנץ יאר!

## מיר האבן נישט גענוג געניצט די מתנה..

ווען מיר קומען תשובה טאן - איז איינע פון די עיקר זאכן וואס מיר דארפן תשובה טאן, איז אויף דעם גופא. אויף דעם גופא וואס מ'האט זיך נישט געפריידט א גאנץ יאר מיטן ראש השנה ווי עס דארף צו זיין. אז מ'האט נישט אריינגענומען, מיר האבן נישט זוכה געווען צו מקבל זיין די אמונה אין ראש השנה אזוי ווי עס דארף צו זיין.

דער רבי זאגט: **"קיין גרעסער'ס דערפון איז נישט פאראן"**[ה]! - דאס איז דער גאנצער יאר! און במילא, אז מ'האט אונז געגעבן א מתנה אויף א גאנץ יאר, און מ'האט ווייניג געניצט פון די מתנה. מ'האט אונז געגעבן א מתנה אז מ'האט אונז פאר'חתמ'עט די יאר, מ'האט אונז ערלעדיגט די יאר, און מ'קען; פון דא און ווייטער איז דא אסאך וואס צו טאן ווייטער, אבער

---

אייר תק"ע: וְכִמְדֻמֶּה שֶׁדִּבֵּר אָז שֶׁעוֹלֶה עַל דַּעְתּוֹ לְהַרְחִיק נְדֹד מֵאִתָּנוּ חַס וְשָׁלוֹם, אֲבָל צַר לוֹ **שֶׁמִּתְגַּעְגֵּעַ מְאֹד אַחַר הָרֹאשׁ־הַשָּׁנָה. כִּי בְּכָל הַקַּיִץ הַזֶּה שֶׁהָיָה בְּאוּמֵין הָיָה מִתְגַּעְגֵּעַ וּמִשְׁתּוֹקֵק מְאֹד שֶׁיִּהְיֶה שָׁם עִם הַקִּבּוּץ שֶׁלּוֹ בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה**.

**ה.** חיי"מ ת"ו: אַחַר־כָּךְ עָנָה הוּא ז"ל וְאָמַר בְּקוֹל חָזָק מֵעֹמֶק הַלֵּב וּמָה אֹמַר לָכֶם **אֵין דָּבָר גָּדוֹל מִזֶּה,** הַיְנוּ מִלִּהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה. וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן בְּקוֹל זִיעַ סַגִּיא "וִוי אַזוֹי זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגִין, **קַיין גְרֶעסֶערְס דֶער פוּן אִיז נִיט פַאר הַאנֶין**. ובחיי"מ קכ"ו: וְאָמַר שֶׁעַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה הוּא רוֹצֶה שֶׁיִּהְיוּ כָּל אַנְשֵׁי־שְׁלוֹמֵנוּ כֻּלָּם כְּאֶחָד אֶצְלוֹ, אִישׁ לֹא יִהְיֶה נֶעְדָּר. וְגֹדֶל הָאַזְהָרָה שֶׁהִזְהִיר לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה אֵין לְשַׁעֵר וְהִכְפִּיל בְּאַזְהָרָה זוֹ כַּמָּה פְּעָמִים וְאָמַר שֶׁכָּל עִנְיָנוֹ הוּא רֹאשׁ־הַשָּׁנָה. גַּם בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה הָאַחֲרוֹן בְּאוּמֵין דִּבֵּר עִמָּנוּ גַּם־כֵּן מִזֶּה מַעֲלַת מִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה, וְאָמַר בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: מָה אֹמַר לָכֶם אֵין דָּבָר גָּדוֹל מִזֶּה וּבִלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז: "וָואס זָאל אִיךְ אַייךְ זָאגְן, **קֵיין גְרֶעסֶירְס דֶער פוּן אִיז נִיט דָא**".

אז מען פריידט זיך נישט, ניצט מען נישט די מתנה.. - און אויף דעם טוט מען תשובה.

מ'האט באקומען א יאר, דער רבוש"ע האט אונז געגעבן א יאר, אזא זיסע יאר. האסטו אונז געגעבן, פאר א יאר האסטו אונז אנגעשריבן "בספרן של צדיקים אמיתיים[ו]", און איך האב ב"ה זוכה געווען צו אסאך גוטע זאכן מכח דעם - אבער איך האב נאכנישט זוכה געווען צו זיך פרייען מיטן יאר, אזוי ווי מ'דארף זיך פרייען מיטן ראש השנה.

א גאנץ יאר דארף מען זיך פרייען מיטן ראש השנה. א גאנץ יאר, אין יעדע זאך, אין יעדע זאך - זיך פרייען מיטן ראש השנה! מיר האבן אמונת חכמים, מיר האבן די אמת'ע אמונה, מיר ווייסן אז ס'איז דא דער ראש השנה. ס'איז דא דער "**שלשה ראשים**[ז]"; דער ראש פון דעם יאר, מיטן 'ראש בני ישראל', מיט אונזערע מוחין – און ס'איז זיך אלץ מחבר. און דאס איז דער עיקר פון דעם יאר, דאס איז דער יאר.

---

**ו.** ראה על"ת תל"ז מיום א' תבוא תר"ג: רַב חֶסֶד וּמַרְבֶּה לְהֵטִיב, יַרְבֶּה חַסְדּוֹ וְטוּבוֹ עִמּוֹ לְהַטּוֹת לְבָבוֹ אֵלָיו וִיחַזְּקוֹ וִיאַמְּצוֹ בְּהִתְחַזְּקוּת דִּקְדֻשָּׁה לְהַגְבִּיר הַטּוֹב עַל הָרַע לְהַנְטוֹתוֹ לִתְחִיָּה, **וְיִכָּתֵב וְיֵחָתֵם בְּתוֹךְ הַקִּבּוּץ הַקָּדוֹשׁ בְּסִפְרָן שֶׁל צַדִּיקִים לְחַיִּים טוֹבִים לְחַיִּים אֲרֻכִּים וּלְשָׁלוֹם**. וראה בשיש"ק הישן ב, עה: רַבֵּנוּ אָמַר: "מַה שֶּׁצַּדִּיקִים אֲחֵרִים פּוֹעֲלִים בַּעֲבוֹדָתָם מֵרֹאשׁ-הַשָּׁנָה עַד הוֹשַׁעְנָא-רַבָּא, פּוֹעֵל אֲנִי בַּלַּיְלָה הָרִאשׁוֹן שֶׁל רֹאשׁ-הַשָּׁנָה. "וָואס אַנְדֶערֶע צַדִּיקִים פּוֹעֶלְן פוּן רֹאשׁ-הַשָּׁנָה בִּיז הוֹשַׁעְנָא-רַבָּא פּוֹעֵל אִיךְ דִּי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט פוּן רֹאשׁ-הַשָּׁנָה".

**ז.** ראה ליקו"מ תורה צ"ד תנינא: שָׁמַעְתִּי מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ שֶׁהָיָה כָּתוּב אֶצְלוֹ תּוֹרָה עַל עִנְיַן רֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁצְּרִיכִין לִנְסֹעַ לְצַדִּיקִים עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה וְהָיָה מְבֹאָר שָׁם מֵעִנְיַן **שְׁלֹשָׁה רָאשִׁים שֶׁמִּתְקַבְּצִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה** כְּשֶׁזּוֹכִין אָז לִהְיוֹת אֵצֶל הַצַּדִּיק כִּי הַצַּדִּיק הוּא בְּחִינַת רֹאשׁ, כִּי הוּא **רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל** וְרֹאשׁ הַשָּׁנָה הוּא גַּם כֵּן בְּחִינַת רֹאשׁ, כִּי הוּא **רֹאשׁ הַשָּׁנָה** וְכָל אֶחָד בָּא עִם מֹחוֹ וְדַעְתּוֹ לְהַצַּדִּיק וּמְקַשֵּׁר **דַּעְתּוֹ וּמֹחוֹ שֶׁבְּרֹאשׁוֹ** שֶׁזֶּהוּ גַּם כֵּן בְּחִינַת רֹאשׁ לְהַצַּדִּיק שֶׁהוּא רֹאשׁ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל (שמות ל) בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה נִמְצָא שֶׁנִּתְקַבְּצוּ שְׁלֹשָׁה רָאשִׁים יַחַד. [וְהָיָה לוֹ בָּזֶה תּוֹרָה שְׁלֵמָה, וְלֹא זָכִיתִי לְקַבְּלָהּ].

מ'האט געלערנט, אנהויב יאר האט מען געהאט געלערנט דא, פון הלכות ערלה (הלכה ד), וואס ר' נתן זאגט דארטן[ח]: אז אזוי ווי דער מח גייט אריבער אין אלע גידים און אלע איברים, אזוי גייט דער ראש השנה אריבער אין דעם [גאנצן] יאר. דאס הייסט, אז יעדער טאג, **יעדער טאג פון יאר - איז א שטיקל פון ראש השנה.**

ס'איז פשוט, דער ראש השנה געבט זיך ארויס במשך דעם גאנצן יאר. [ס'איז טאקע בלויז איין טאג, אבער דער גאנצער יאר איז תלוי אין דעם] **דער פשט איז:** אזוי ווי א מענטש מאכט א פעולה, איז ווער מאכט דאס?! דער מענטש רוקט די האנט, דער מענטש טוט א פעולה מיט די האנט - אבער ס'איז נישט די האנט מאכט עס - נאר דער מח מאכט עס דורך די כלי פון די האנט, אבער ס'איז [בעצם] דער מח!

דאס הייסט, אז דער ראש השנה איז דער תיקון פון דעם יאר - איז דאס דעם תיקון פון אלע פעולות פון א גאנץ יאר. דער גאנצער המשך פון דער גאנצער יאר, דאס איז דער ראש השנה.

און אז מען האט זוכה געווען צו זיין ביי דער רבי ראש השנה - ס'ווערט נתקבץ; דער ראש פון דעם יאר ווערט נתקבץ מיטן ראש בני ישראל. און מיר ווייסן אז ס'האט דעם תיקון פון דעם ראש בני ישראל, ס'האט דעם תיקון פון דעם רעבן. דער יאר האט דעם תיקון פון רעבן, דער רבי האט מתקן געווען דעם יאר!

---

**ח.** ליקו"ה הל' ערלה ד, יח וזל"ש: וּמֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה נִמְשָׁךְ הַחִיּוּת וְהַתִּקּוּן לְכָל הַשָּׁנָה כֻּלָּהּ וְעַל-כֵּן נִקְרָא רֹאשׁ הַשָּׁנָה. רֹאשׁ דַּיְקָא, כִּי יֵשׁ שָׁלֹשׁ קוֹמוֹת, עוֹלָם, שָׁנָה, נֶפֶשׁ. וּכְמוֹ שֶׁבְּקוֹמַת נֶפֶשׁ שֶׁהוּא קוֹמַת הָאָדָם עִקַּר חִיּוּת הָאָדָם תָּלוּי בְּהָרֹאשׁ שֶׁשָּׁם הַמֹּחִין שֶׁמְּחַיִּין כָּל קוֹמַת הַגּוּף כַּיָּדוּעַ לְחַכְמֵי הַנִּתּוּחַ שֶׁחִיּוּת כָּל הַגּוּף עַד צִפָּרְנֵי הָרֶגֶל, הַכֹּל נִמְשָׁךְ מֵהַמֹּחַ שֶׁשָּׁם עִקַּר מִשְׁכַּן הַנְּשָׁמָה הַמְחַיָּה אֶת הַגּוּף כָּל אֵבֶר וְאֵבָר, כְּפִי חִיּוּתוֹ, **כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ נִקְרָא יוֹם הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא הַזֶּה רֹאשׁ הַשָּׁנָה, 'רֹאשׁ' דַּיְקָא, דְּהַיְנוּ שֶׁבּוֹ עִקַּר הַמֹּחַ וְהַחִיּוּת שֶׁל כָּל הַשָּׁנָה, כִּי בּוֹ מַתְחִילִין כָּל הַתִּקּוּנִים וְהוּא מְחַיֶּה אֶת כָּל יְמוֹת הַשָּׁנָה** כְּמוֹ הָרֹאשׁ שֶׁבָּאָדָם שֶׁמְּחַיֶּה כָּל הַגּוּף וְאֵין שׁוּם הַרְגָּשָׁה וְחִיּוּת בְּשׁוּם אֵבֶר בְּלֹא הַחִיּוּת הַנִּמְשָׁךְ לוֹ מֵהָרֹאשׁ וְהַמֹּחַ כַּיָּדוּעַ, כְּמוֹ כֵן **אֵין חִיּוּת וְתִקּוּן בְּכָל יְמוֹת הַשָּׁנָה כִּי אִם עַל-יְדֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה**, 'רֹאשׁ' דַּיְקָא שֶׁמְּחַיֶּה אֶת כָּל הַקּוֹמָה כַּנַּ"ל.

עס קומט ראש השנה, קומט מען צום רבי'ן מיטן מח, מ'געבט איבער דעם מח – אז מ'רעדט זיך נישט איין, אז איך בין א מענטש פאר זיך אליין, נאר איך געב איבער מיין מח אינגאנצן פארן רבי'ן. איך געב זיך איבער פארן רבי'ן, פארן רבי'נס ראש השנה, איך געב זיך איבער צום תיקון וואס דער רבי מאכט ראש השנה. דאס איז דער ראש השנה – "ראש השנה" איז אז דער יאר פירט זיך אינגאנצן מיטן תיקון פון רבי'ן.

דארף מען דאך זיין משונה'דיג פריילאך, א משונה'דיגע חירות. מיט א געוואלדיגע חירות דארף מען דינען דעם אויבערשטן א גאנץ יאר! אלע טרדות וואס א מענטש איז טרוד, און ער דאגה'ט און ער טראכט איבער.. - **די אלע זאכן דאס קומט אלץ וואס ער פריידט זיך נישט** [גענוג] **מיטן ראש השנה, ער האט נאכנישט אמונה אין ראש השנה אזוי ווי עס דארף צו זיין!!!**

## ר"ה טוט זיך געוואלדיגע געוואלדיגע זאכן..

[ברענג מיר דער חיי מוהר"ן], ס'דא די ערשטע שיחה פון ראש השנה[ט] - יעדן מאל לערנט מען נאכאמאל, מ'זעהט עס יעדן מאל נאך מער און נאך מער..

זאגט דער רבי: "**הראש השנה שלי עולה על הכל**" - מיין ראש השנה איז גרעסער [פון אלצדינג], קיין גרעסער'ס דערפון איז נישט פאראנען, ס'איז העכער פון אלעס!

"**והיה פלא אצלי מאחר שהמקורבים שלי מאמינים לי, למה לא יזהרו כל האנשים המקורבים אלי, שיהיו כולם על ראש השנה**". [צו באמערקן:] דער רבי זאגט נישט 'והיה פלא אצלי למה אין מאמינים לי'; פארוואס גלייבט מען

**ט.** בחיי"מ ערך "גודל יקרת הראש השנה שלו" (שיחות ת"ג - ת"ו).

מיר נישט. דער רבי זאגט, מען גלייבט מיר דאך. **"מאחר שהמקורבים שלי מאמינים לי"**, מען גלייבט מיר דאך יא - איז אז מ'גלייבט, איז פארוואס גלייבט מען נישט אזוי ווי מ'דארף גלייבן!?

**"מאחר שהמקורבים שלי מאמינים לי"**, אבער פארוואס גלייבן זיי נישט – **"ולמה לא יזהרו כל האנשים המקורבים אלי, שיהיו כולם על ראש השנה, איש לא יעדר"** - פארוואס גלייבט מען נישט אזוי ווייט אז מ'זאל ווערן אלע זאלן זיין. **"כי כל הענין שלי הוא רק ראש השנה"** - ווייל די גאנצע זאך איז נאר ראש השנה, די גאנצע עסק פון דעם רבי'ן איז נאר ראש השנה.

ס'איז דאך א שרעקליכער לשון, דער רבי געבט אונז עבודות א גאנץ יאר, דער רבי זאגט אז מיין גאנצע זאך איז נאר ראש השנה און ראש השנה איז גרעסער פון אלעס - אלעס פון וואס דער רבי געבט אונז צו טאן א גאנץ יאר, ראש השנה איז גרעסער פון אלעס', און גאר מיין זאך איז נאר ראש השנה!

במילא, איז פארוואס זאל מען נישט זיין נזהר אז אלע זאלן זיין - גלייבסט דאך, אוודאי, אז דו קומסט גלייבסטו דאך - [אבער] פארוואס זאלסטו נישט זעהן אז אלע זאלן זיין **'איש לא יעדר'**.

**"והזהיר לעשות כרוז, שכל מי שסר למשמעתו ומקורב אליו יהיה על ראש השנה אצלו לא יחסר איש"**. יעדער איינער דארף זעהן צו לאזן א כרוז – אוואו? – "כל מי שסר למשמעתו", ווער עס לאזט זיך הערן פון רבי'ן זאל

---

**י.** ראה בחיי"מ ת"ו: נִשְׁמַט מִלְּעֵיל לְעִנְיַן רֹאשׁ־הַשָּׁנָה שֶׁצְּרִיכִין לִהְיוֹת אֶצְלוֹ עַל רֹאשׁ־הַשָּׁנָה דַּיְקָא,
אָמַר **שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף־עַל־פִּי־כֵן בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִלּוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן.** אַף־עַל־פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִלּוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. **כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת.**

קומען צום רבי'ן. יעדער איינער, דאס דארף ער רעדן, דאס דארף ער וועלן - אז אלע אונזערע לייט זאלן זיין [יא].

"**ומי שזוכה להיות על ראש השנה, ראוי לו לשמוח מאוד מאוד**". אין די מכתב וואס ר' נתן רעדט פון דעם (מכתב ר"נ), זאגט ר' נתן: **ואל תשכח שהייתה אצלינו בראש השנה, בתוך עדה קדושה ונוראה** – ער דערמאנט נישט אפילו דארטן אז מ'איז געווען ביים רבי'ן, נאר מ'איז געווען מיטן 'עולם' (ביים קיבוץ).

דאס הייסט, אז די שמחה וואס ר' נתן ברענגט דא אראפ, פון '**ראוי לשמוח כל השנה**' - איז אויף דעם וואס מ'האט זוכה געווען צו זיין מיטן גאנצן עולם. דאס הייסט, אז דער עיקר וואס דער רבי קוועטשט דא איז, אז מ'גלייבט דאך און יעדער איינער קומט; יעדער איינער, אוודאי אז דער רבי זאגט קומט מען - אבער וויפל חיות דארף מען האבן פון דעם וואס דער גאנצער עולם קומט.. **מ'דארף וועלן אז אלע זאלן זיין, ווייל ס'איז גאר דער גאנצער רבי'נס זאך.**

"**ומי שזוכה להיות אצלי על ראש השנה, ראוי לו לשמוח מאוד**". ווי ר' נתן זאגט: "<u>**כל השנה**</u> **ראוי לו לשמוח מאוד מאוד**", א גאנץ יאר. דאס האט ר' נתן פארשטאנען אין די ווערטער 'ראוי לו לשמוח מאוד מאוד' [אז 'ראוי לו לשמוח מאוד' - גייט אויף א גאנץ יאר].

און דאס גייט אלעס אריין אין דעם "**מאחר שהמקורבים שלי מאמינים לי**" - מען ווייסט אויף צו קומען, אבער פארוואס גלייבט מען נישט אויף צו זיין פריילאך מיט דעם?! **פארוואס גלייבט מען נישט אויף צו זיין פריילאך מיט דעם;** וועלן אז אלע זאלן זיין, און זיך פרייען מיט דעם וואס אלע זענען דא.. - ווייל גאר דעם רבי'נס זאך איז ראש השנה.

יעדער איינער איז פארנומען א גאנצע צייט מיט זיך אליין - איך בין געקומען, איך בין נישט געקומען, איך האב יא א קארטע, כ'האב נישט א

---

**יא.** ראה ברוחא דחיי קונטרס י"ב עמ' י"ג.

קארטע, איך בין געקומען, איך בין געווען.. - מיט דעם איז מען פארנומען, מען איז פארנומען מיט זיך. און א גאנץ יאר איז מען ווייטער פארנומען מיט זיך, מ'איז פארנומען יעדן טאג מיט וואס מען האט..

אבער דער רבי זאגט, דער נושא איז נישט נאר דו - דער נושא איז דער רבי'נס זאך, דער גאנצער רבי'נס זאך איז ראש השנה! דער נושא איז אז אלע זאלן זיין, דער נושא איז זיך פרייען מיט יעדן איינעם, און זיך פרייען אויך א גאנץ יאר מיט דעם, און נישט זאגן 'איך האב נאכנישט זוכה געווען, איך האב נאכנישט זוכה געווען אז מיינע אלע עבודות איז ווי ס'דארף צו זיין'..

## הויבט אן דערהערן וואס איר גלייבט!!

זאגט דיר דער רבי, אז "**גאר מיין זאך איז ראש השנה**" - דער עיקר פון רבי'נס זאך איז ראש השנה! דארפסט זיך פרייען מיטן ראש השנה, אפילו די 'פרטים' דארף נאך אסאך תיקון - אבער ס'איז דא אזוי פיל שמחה פון דעם ראש השנה, אז '**ראוי לשמוח כל השנה**'.

פשט איז, די אלע ווערטער רעדט אונז דער רבי ארום אזעלכע זאכן - אז אַן מסביר זיין זאגט ער אונז, ער געבט אונז "**רמזי ידים**[יב]" וואס טוט זיך דא ראש השנה, וואס טוט זיך ראש השנה..

---

**יב.** מושג ידוע בכתבי רביה"ק ומוהרנ"ת, ומקורו בליקו"מ תורה ז' תנינא שיש בחינת ידים בים החכמה וזל"ש: **כִּי כְּשֶׁהֶחָכָם מְגַלֶּה חָכְמָתוֹ לִפְעָמִים אוֹמֵר אֵיזֶה דִּבּוּר, שֶׁמְּרַמֵּז בּוֹ רְמָזִים לְתַלְמִידָיו דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר בְּפִיו בְּפֵרוּשׁ רַק עַל יְדֵי הָרְמָזִים שֶׁיֵּשׁ בְּהַדִּבּוּר הֵם מְבִינִים כַּוָּנָתוֹ וְאֵלּוּ הָרְמָזִים הֵם בְּחִינַת יָדַיִם,** בְּחִינַת: נָטִיתִי יָדִי וכו' עיי"ש. ובקל"מ ט: כִּי כְּשֶׁהָרַב לוֹמֵד עִם תַּלְמִידָיו וּמַכְנִיס בָּהֶם דַּעַת וְיִרְאַת שָׁמַיִם, **יֵשׁ דְּבָרִים שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְהַסְבִּיר לָהֶם בְּפֵרוּשׁ וכו' וּמְרַמֵּז לָהֶם הַדְּבָרִים עַל־יְדֵי רְמָזִים שֶׁהֵם בְּחִינַת יָדַיִם, שֶׁמְּרַמֵּז לָהֶם וְנוֹטֶה לָהֶם בְּיָדָיו.**

וראה ביאור הדבר לעובדא ולמעשה בליקו"ה הל' נט"י ו' במתיקות נפלאה. ושם באות א: כָּל הַלִּמּוּדִים הַקְּדוֹשִׁים וְכָל הַהִתְבּוֹנְנוּת בְּתוֹרָה וְיִרְאָה, שֶׁכֻּלָּם אִי אֶפְשָׁר לַהֲבִינָם מֵרַבּוֹ בִּשְׁלֵמוּת כִּי אִם

**ס'טוט זיך; ראש השנה טוט זיך זאכן, ס'טוט זיך זאכן וואס מיר דארפן זיין משונה פרייליך א גאנץ יאר! א גאנץ יאר דארף מען זיין פרייליך** [פון דעם]**!**

און אוודאי און אוודאי, די אלע דאגות וואס א מענטש דאגה'ט א גאנץ יאר, און ער איז טרוד פון דעם, ער איז נישט מיושב'דיג צוליב דעם, ער איז בעצבות. אנשטאט צו זיין - אפילו אוואו מען דארף האבן 'לב נשבר' האט ער עצבות, און אוואו מ'דארף עפעס טאן איז נאר 'איבערטראכטן' (מחשבות יתירות) - און ס'איז בפשיטות מזיק אין עבודת ה'.

דאס קומט דאך אלעס נאכדעם וואס דער רבי זאגט אז ס'איז דא אזוי פיל צו זיך פרייען מיטן ראש השנה - **איז דאס דאך א פירכא אויפן גאנצן 'הלוך ילך' פון א גאנץ יאר, אויף די אלע עצבות פון א גאנץ יאר..**

---

עַל-יְדֵי רְמָזִים שֶׁהֵם בְּחִינַת יָדַיִם. **כִּי אֲפִלּוּ בְּחָכְמוֹת הַתּוֹרָה בַּנִּגְלֶה בִּפְשָׁטִים בִּגְמָרָא פֵּרוּשׁ רַשִׁ"י תּוֹסָפוֹת, אִי אֶפְשָׁר לְהָבִין תַּמְצִית הַדָּבָר וּמְתִיקַת הַפְּשָׁט וְהַחִדּוּשׁ כִּי אִם עַל-יְדֵי שֶׁגּוֹמְרִים לַהֲבִינָם לְהַתַּלְמִיד בַּיָּדַיִם שֶׁהֵם בְּחִינַת רְמָזִים, כְּמוֹ שֶׁרוֹאִין בְּחוּשׁ שֶׁהָרַב מַסְבִּיר הַפְּשָׁט לְתַלְמִידָיו בִּתְנוּעוֹת יָדָיו.** מִכָּל שֶׁכֵּן וְכָל שֶׁכֵּן בְּדַרְכֵי עֵצוֹת בַּעֲבוֹדַת ה', שֶׁהַבַּעַל דָּבָר חוֹתֵר עַל הָאָדָם מְאֹד מְאֹד בְּתַחְבּוּלוֹת אֵין מִסְפָּר בְּכָל יוֹם וָיוֹם וְכִמְעַט בְּכָל שָׁעָה וָרֶגַע, שֶׁאִי אֶפְשָׁר לַעֲמֹד עַל עָמְדוֹ כִּי אִם עַל-יְדֵי הַתּוֹרָה שֶׁקִּבַּלְנוּ מֵרַבּוֹתֵינוּ ז"ל, וְהָעִקָּר הוּא הָרְמָזִים שֶׁיֵּשׁ בְּהַתּוֹרָה. וְעַל-כֵּן בֶּאֱמֶת צְרִיכִין לְחַפֵּשׂ וּלְבַקֵּשׁ מְאֹד רַבִּי אֲמִתִּי שֶׁקִּבֵּל מֵרַבִּי אֲמִתִּי וּלְדַבֵּר עִמּוֹ פָּנִים אֶל פָּנִים, כְּדֵי לְהָבִין הָרְמָזִים שֶׁמְּרַמֵּז בְּיָדָיו עַד הֵיכָן לְהִתְחַזֵּק וְכוּ' וְכוּ', מִכָּל שֶׁכֵּן בְּהַשָּׂגַת אֱלֹקוּת וכו'. ושם באות ה: שֶׁכָּל זֶה בְּחִינַת רְמָזִים הַנַּ"ל שֶׁצָּרִיךְ בְּכָל פַּעַם הָרַב לִשְׁתֹּק, **רַק הַתַּלְמִידִים הַחֲפֵצִים בֶּאֱמֶת יָבִינוּ רְמָזִים הַרְבֵּה עַל-יְדֵי שְׁתִיקָתוֹ וּתְנוּעוֹתָיו הַקְּדוֹשׁוֹת שֶׁהֵם בְּחִינַת יָדַיִם וְכוּ'.** (וראה שם באות נד, נו, פח, פט ותמצא נחת.)

[ובענין זה של רמזי ותנועות הידים של הרב בעת אמירת תורתו, זכינו שתלמידיו ותלמידי תלמידיו של רביה"ק רשמו בהרבה מקומות (הן בשיחות והן בתורות) גם את תנועת רביה"ק באמירת תורתו, ובכך הנציחו והשאירו לדורות הבאים את מתיקות לשונו הק' ותנועותיו, כך זוכים גם אנו לקבל גם את 'רמזי הידים' שב'ים החכמה', להבין ולהשכיל מרחוק את המסתתר מאחורי כל דיבור ודיבור ולקבל קצת התנוצצות עד היכן מגיעים הדברים וכו' וכו'.]

דער גאנצער 'הלוך ילך' האט דאך א שורש, דער גאנצער 'הלוך ילך' פון א גאנץ יאר וואס ס'טויגט נישט - קומט אלעס פון דעם אז מ'גלייבט נישט אין ראש השנה אזוי ווי ס'דארף צו זיין.

מען דערציילט אונז - דער רבי זאגט "מ'גלייבט יא!", מ'רעדט נישט פון די מענטשן וואס זיי גלייבן נישט, מ'רעדט וועגן פארקערט - זאגט דער רבי - מ'גלייבט דאך יא!

מ'רעדט נישט איצטער קיין עפעס מוסר - ס'איז נאר א פלא - זאגט דער רבי, "איר גלייבט דאך יא" - אויב אזוי 'ישמעו אזניכם מה שפיכם מדבר', איר גלייבט דאך יא! הערט זיך איין צו וואס איר גלייבט!! **איר גלייבט דאך - הויבט אן הערן, הויבט אן הערן וואס איר גלייבט, הויבט אן דערהערן וואס איר גלייבט!!** הויבט זיך אן פרייען מיט וואס איר גלייבט, הויבט אן זיך פארגינען און זיך לאזן קוקן, צו זיך פרייען יעדער איינער מיט זיך און מיטן צווייטנ'ס גוט'ס.

זיך פרייען! **"והיית בתוך עדה קדושה ונוראה"** - אזוי רופט ר' נתן אן דער קיבוץ פון אונזערע מענטשן, **עדה קדושה ונוראה! עדה קדושה ונוראה**[יג]**!!**

יעדער איינער דארף אזוי פיל זיך בודק זיין, וויפל פריי איך זיך מיט אונזערע לייט, וויפל פריי איך זיך מיט אונזערע לייט ראש השנה? וויפל פריי איך זיך?!

מיר האבן זוכה געווען צו זיך טרעפן מיט אלע אונזערע לייט ראש השנה, דאס איז דאך אָן א שיעור וואס עס ווערט פון דעם. דער רבי האט דאך גערעדט פון דעם, וואס עס ווערט פון דעם אזעלכע שעשועים, מיט אזעלכע **"ריבוי הבתים**[יד]", מיט אזעלכע צירופים, מיט אזעלכע פעולות נוראות וואס ווערט פון דעם אלעס.

---

**יג.** על"ת מכתב ר"נ.

**יד.** ראה ליקו"מ תורה ח' תנינא (ובחיי"מ מ"ג. ובליקו"ה ציצית ז, ח. ובהל' פריה ורביה ה, ו).

נאר מ'כאפט נישט, מען כאפט נישט, מען כאפט נישט פון וואס דא רעדט זיך. דער רבי זאגט אונז ס'טוט זיך דא עפעס א זאך, עפעס א אנדער זאך.. וואס איר דארפט [טאן] - איר האט וואס צו זיין פריילאך, עס בויעט זיך פון דעם אזעלכע בנינים, ס'בויעט זיך אזעלכע זאכן!

ס'איז נישט סתם דו ביסט געוועז ביים רבי'נס ראש השנה - ס'איז געוועז דא א ראש השנה; **דער רבי האט געמאכט ראש השנה און דו האסט זוכה געווען צו זיין אין דעם ראש השנה!**

"**מי שהיה אצלי בראש השנה**" - ביסט געווען; ביסט געווען ראש השנה, ביסט געווען מיט אזא "**עדה קדושה ונוראה**" - ביסט געווען אין די מעשה! ס'טוט זיך דא עפעס א מעשה נפלא! ס'איז דאך א מעשה נפלא!

## תשובה טאן אז מ'גלייבט נאכנישט געגוג אין ר"ה

איז די זאך - אז מיר טראכטן און מיר זוכן אין די טעג "**נַחְפְּשָׂה דְרָכֵינוּ וְנַחְקֹרָה וְנָשׁוּבָה**[טז]", מ'וויל תשובה טאן, מ'זוכט וואס צו תשובה טאן – איז במילא נישטא קיין גרעסערע זאך וואס מ'דארף תשובה טאן, ווי אויף די אמונת חכמים וואס איז נאכנישט ווי עס דארף צו זיין. מ'דארף אסאך 'נחפשה דרכינו ונחקורה' - זאך גוט בודק זיין, וואו האלט איך אין אמונה.

דער רבי זאגט[טז] מ'דארף מפשפש זיין וואו האלט איך אין אמונה, מ'דארף זיך האלטן אין איין מפשפש זיין. און דער רבי זאגט אויך, אין **תורה ס"ב**[יז]

---

**טז.** איכה ג, מ.

**טז.** ליקו"מ תורה ה' תנינא: הָעִקָּר הוּא הָאֱמוּנָה וְצָרִיךְ כָּל אֶחָד לְחַפֵּשׂ אֶת עַצְמוֹ וּלְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בֶּאֱמוּנָה.

**יז.** וזל"ש: **בְּכָל פַּעַם וּפַעַם שֶׁנּוֹסֵעַ לְהַצַּדִּיק צָרִיךְ שֶׁיִּרְאֶה שֶׁיָּבוֹא בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ לֹא כְּמוֹ שֶׁכְּבָר הָיָה אֵצֶל הַצַּדִּיק**, וְעַכְשָׁו הוּא בָּא פַּעַם שֵׁנִית רַק כְּמוֹ שֶׁלֹּא הָיָה מֵעוֹלָם אֵצֶל הַצַּדִּיק וְיִהְיֶה אֶצְלוֹ כְּמוֹ שֶׁבָּא עַכְשָׁו מֵחָדָשׁ פַּעַם רִאשׁוֹן וכו'. כִּי הַכֹּל מִתְנַהֵג כְּפִי הַהַתְחָלָה וכו' עַל כֵּן צָרִיךְ לְהַתְחִיל בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ וְלָבוֹא לְהַצַּדִּיק מֵחָדָשׁ, בְּכֹחַ הִתְלַהֲבוּת גָּדוֹל וְהִתְגַּבְּרוּת חָדָשׁ

- אז א מענטש דארף אלע מאל קוקן אפשר די התקרבות איז נאכנישט געווען ווי עס דארף צו זיין. זיך באנייען, נאכאמאל באנייען די התקרבות. איך האב נאכנישט די אמונה ווי ס'דארף צו זיין, איך בין נאכנישט מקורב צום רבי'ן אזוי ווי ס'דארף צו זיין..

מ'רעדט דאך נישט - חוץ וואס מ'רעדט פון די 'פרטים' וואס א מענטש דארף טאן – מ'רעדט נישט איצטער פון דעם – מ'רעדט, אין דעם וואס דו טוסט שוין, אבער זיך פרייען מיט דעם, זיך פרייען מיט דעם, גלייבן אין דעם. גלייבסט דאך אין דעם, אבער גלייבן; גלייבן טאקע ווי ס'דארף צו זיין – דארפן מיר נאך אסאך תשובה טאן אויף דעם. "**נחפשה דרכינו ונחקרה ונשובה אליך**" - אסאך תשובה טאן, זוכה זיין (צו די אמונה).

דער עיקר וואס מיר קומען צום רבי'ן איז דער "**תיקון המוחין**[יח]", דאס איז דער עיקר וואס דער רבי זאגט אז מען קען נישט ממתיק זיין די דינים נאר דורכן פארן ר"ה צום צדיק. דער עיקר ראש השנה, דער עיקר המתקת הדין, איז דאך דער "**תיקון המוחין**"; מ'זאל האבן גוטע מחשבות. דאס איז דאך דער עיקר, דאס איז דער יסוד.

וואו זענען מיינע מחשבות? - א יאר פון דאגות, איך בין אריבער געגאנגען א יאר מיט דאגות.. - דאס איז מיינע מחשבות?! דאס איז מיינע מחשבות?! - איך דארף א גרויסע 'תיקון המחשבה'.

---

לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ כְּדֵי שֶׁתִּהְיֶה עֲבוֹדָתוֹ כָּרָאוּי כְּפִי כֹּחַ הַהַתְחָלָה כַּנַּ"ל **וְכֵן בְּכָל פַּעַם וּפַעַם צָרִיךְ לַחֲשׁשׁ חֲשָׁשָׁא זוֹ, פֶּן לֹא הִתְחִיל עֲדַיִן כָּרָאוּי - וְצָרִיךְ לְהַתְחִיל וְלָבוֹא לְהַצַּדִּיק בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ**.

**יח.** ראה ליקו"מ תורה רי"א: מַה שֶּׁהָעוֹלָם נוֹסְעִין עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְצַדִּיקִים כִּי עִקַּר הַמְתָּקַת הַדִּינִין אֵינוֹ אֶלָּא עַל יְדֵי קְדֻשַּׁת וְטָהֳרַת הַמַּחֲשָׁבוֹת כִּי שָׁם שָׁרְשָׁם כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר: כֻּלְּהוּ בְּמַחֲשָׁבָה אִתְבְּרִרוּ (עיין זוהר פקודי רנד:). וְאִי אֶפְשָׁר לָבוֹא לְמֹחִין זַכִּים אֶלָּא עַל יְדֵי הִתְקַשְּׁרוּת לְצַדִּיקִים, כַּמּוּבָא בַּזֹּהַר: "וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת עַצְמוֹת יוֹסֵף" מֹשֶׁה הוּא בְּחִינַת מֹחִין, וְיוֹסֵף הוּא בְּחִינַת צַדִּיק הַיְנוּ **שֶׁאֵין שְׁלֵמוּת לְמֹחִין אֶלָּא עַל יְדֵי הִתְקַשְּׁרוּת לְצַדִּיקִים וְרֹאשׁ הַשָּׁנָה הוּא מְקוֹר הַדִּינִים שֶׁל כָּל הַשָּׁנָה וְצָרִיךְ לְטַהֵר אֶת מַחֲשַׁבְתּוֹ כְּדֵי לְהַמְתִּיקָם וּבִשְׁבִיל זֶה נוֹסְעִין לְצַדִּיקִים כְּדֵי לִזְכּוֹת לִקְדֻשַּׁת הַמַּחֲשָׁבָה**.

דער רבי זאגט[יט] אז תיקון המחשבות איז דער "צדיק". תיקון המחשבה מיינט, אז דו נעמסט דיין מח און ביסט עס מקשר מיטן צדיק. אלע [נישט גוטע] מחשבות דיינע קומט פון וואס דו ביסט נישט מקושר מיטן צדיק, אז דו טראכסט אליין.

ס'איז אזוי ווי א מענטש - מ'ברענגט א מענטש א קליין ארבעטארער, צו בויען אין א גרויסן פראיעקט. [דארף ער וויסן:] ביסט א קליין ארבעטארער, דו דארפסט גארנישט טראגן, ס'איז נישט דיין עסק, נישט טראגן דער 'עול הכספי' פון די זאך, און נישט די פלאן פון די זאך. ס'איז נישט דיין עסק, אלע חשבונות האט גארנישט מיט דיר - דו דארפסט נאר ארבעטן בזריזות ובשמחה אין דיין ארבעט[כ].

און ער (דער קליין ארבעטארער) קוקט, זעט ער אז ער איז אריבער געגאנגען דורכן יאר, זעהט ער אז די ארבעט איז נישט געווען אזוי ווי עס דארף צו זיין. פארוואס? ווייל ער האט געטראכט אינמיטן 'דער בנין וועט יא מצליח זיין, ס'וועט נישט מצליח זיין, ס'איז אהער ס'איז אהין'.. - ער האט געהאט, ער איז געווען פארנומען (מיט פרעמדע דאגות)..

א פראסטער ארבעטארער, איז געווען פארנומען מיט דאגות פון א גרויסער מנהל.. - ווער, ווער האט דיר געשטעלט? ווער האט דיר געבעטן? - האסט געדארפט נעמען דיין מח און עס מקשר זיין צום 'קבלן', צו דער

---

**יט.** שם בתורה רי"א.

**כ.** ראה על"ת מכתב ע"ג: חִזְקוּ וְאִמְצוּ מְאֹד מְאֹד בְּכָל יוֹם מֵחָדָשׁ **וְאַל יְבַהֲלוּ אֶתְכֶם רַעְיוֹנֵיכֶם וְכוּ' וכו' בִּפְרָט שֶׁתְּהִלָּה לָאֵל יֵשׁ לָנוּ כְּתֵפַיִם רְחָבִים עַל מִי לִסְמֹךְ, יֵשׁ וָיֵשׁ בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, רַק לֶאֱחֹז עַצְמוֹ בִּשְׁתֵּי יָדַיִם וּבְכָל כֹּחוֹ בִּנְקֻדַּת הָאֱמֶת** וכו'. ובמכתב תכ"ב: אוּן טַאקֶי פָּארְט הָאפּ נָאר גִישְׁפְּרִינְגֶען **אוּן גָאר נִיט אִיבֶּיר גִיטְרַאכְט**, גָאט אִיז מִיט אוּנְז! [וּבֶאֱמֶת בְּכָל זֹאת רַק שִׂמְחָה, וְרַק לִרְקוֹד וְשׁוּם דָּבָר לֹא לַחֲזֹר וּלְהַרְהֵר, אֱלֹקִים עִמָּנוּ!]. וּזְכֹר הֵיטֵב מַה שֶּׁאָמַר זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה קֹדֶם הִסְתַּלְּקוּתוֹ הַקָּדוֹשׁ. **אַז אִיךְ גֵיי פַאר אַייךְ וָואס הָאט אִיר צוּ זָארְגִין** [אֲנִי הוֹלֵךְ לִפְנֵיכֶם, מָה יֵשׁ לָכֶם לִדְאוֹג].

וואס ער פירט די גאנצע זאך. וואס האסטו מיט די אלע דאגות, וואס מישסטו דעם טעפל דא בכלל?! ווער האט דיר געבעטן טראכטן?!

דו דארפסט אסאך תשובה טאן, דארפסט אסאך תשובה טאן. דו האסט סתם געניצט דיין קאפ דא - ווער האט דיר געשטעלט, קיינער האט דיר נישט געבעטן.

מ'דארף נישט דא דיין קאפ, דיין קאפ דארף זיין נאר איין זאך: גלייבן און זיך פארלאזן אין דעם וואס ער פירט די זאך, וויסן אז ער פירט א זאך לתפארת, ער פירט א זאך וואס ס'איז מלא מלא הצלחה. אפילו דו זעהסט עפעס גאר עפעס אנדערש, זאלסטו וויסן: עס טוט זיך, עס פירט זיך דא אויס עפעס א בנין, א בנין נפלא! ס'איז א בנין נפלא!

דער רבי האט צוגעגרייט, דער רבי האט אנגעגרייט אזוי ווי א קבלן, ער האט אנגעגרייט געלט פאר דעם, ער האט אנגעגרייט אלעס וואס מ'דארף. און זיצט א מענטש, זיצט א ארבעטארער און ער גלייבט נישט אז ער האט צוגעשטעלט, און איז פאר'דאגה'ט. עס קוקט אים אויס אז ס'איז נישט, ס'ארבעט נישט, ס'קלאפט נישט די זאך, קומט ער שפעט, אדער ער האט נישט קיין חיות אין די זאך.. - דאס קומט דאך אלעס ווייל ער ווייסט נישט פון דעם, ער ווייסט נישט וואס דער בעל הבית טוט דא מיט די גאנצע זאך. דער בעל הבית פירט דא, ער פירט א גרויסער בנין.

[אחד הנוכחים: תורה רי"א איז דאך א המשך פון תורה ס"א [כא], איז דער תיקון המח (מה שרבינו מדבר בתורה רי"א) איז אנטקעגן דואג !] יא יא, אנטקעגן דואג זאגסטו [כב]", די דאגות - יא יא, דואג, דואג איז פארקערט פון תיקון המוחין, פארקערט פון אמונת חכמים איז דער 'דואג'. וואס איז דער סימן פון א מענטשן אז ער האט נישט אמונת חכמים

---

**כא.** ראה בחיי"מ נ"ט, ובפל"ח (על תורה ס"א), אות י.

**כב.** עיי"ש בתורה ס"א אות א' בסופו.

**אז ער דאגה'ט, יא.** [אחד הנוכחים: אין הלכות פקדון ה' (אויף תורה ס"א) זאגט ר' נתן [כג] אז ווער עס איז ביים רבי'ן ראש השנה, האט א יאר פון "בטחון"!].

איז אויף דעם דארף מען אסאך תשובה טאן. אסאך תשובה טאן אויף דעם וואס מ'האט אונז געגעבן א ראש השנה, מען האט אונז מתקן געווען דער יאר - און אז מ'קוקט למפרע זעהט מען דאך טאקע אז אלע דאגות איז געווען לריק, סתם גע'דאגה'ט און געזארגט און געטראכט, סתם פוסטע מחשבות, גארנישט אויפגעטאן, פארברענט די צייט אויף נארישקייטן..

איז וואס טוט מען תשובה? וואס איז דער נייער יאר?! - דער נייער יאר איז, אז איך זאל זוכה זיין צו גלייבן אין דעם ראש השנה, גלייבן אין דעם ראש השנה. נישט אזוי ווי ביז איצטער, נאר איך זאל זוכה זיין צו אנהויבן גלייבן אין ראש השנה מיט א אמת. אנהויבן ארויסגיין פון גלות הדעת, מיט א חירות המחשבה, חירות המח, א געוואלדיגע שמחה. גלייבן אין דעם ראש השנה, גלייבן אז דער ראש השנה פירט זיך אויס, פירט זיך אויס זאכן.

## ווי אזוי איז מען כובש ארץ ישראל?

די גאנצע וועלט שטורעמט און שטורעמט. ס'טוט זיך דא א גאנצע צייט מיט די גזירות הדת, די אלע רשעי האומות, מיט די "ערב רב [כד]", וואס די אלע

---

**כג.** ליקו"ה הל' פקדון ה, לג: **וְעַל כֵּן מִי שֶׁזּוֹכֶה לְהַמְשִׁיךְ עַל עַצְמוֹ קְדֻשַּׁת רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֵין צָרִיךְ לִדְאֹג וְלִטְרֹחַ הַרְבֵּה בִּשְׁבִיל פַּרְנָסָה כִּי זוֹכֶה לְבִטָּחוֹן**, לְהַאֲמִין שֶׁכָּל פַּרְנָסָתוֹ קְצוּבָה מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה וּכְמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה כָּל פַּרְנָסָתוֹ שֶׁל אָדָם קְצוּבָה מֵרֹאשׁ הַשָּׁנָה כִּי אָז מֵאִיר שֵׂכֶל הַכּוֹלֵל שֶׁמִּשָּׁם כָּל צִנּוֹרוֹת הַשֶּׁפַע וְכַנַּ"ל. (ועיי"ש באריכות על דאגות הפרנסה וכו' באות כז - לב).

**כד.** ראה ליקו"ה ברכת השחר ג, ט: 'בְּעִקְבוֹת מְשִׁיחָא חוּצְפָּא יִסְגֵּא וְהָאֱמֶת תִּהְיֶה נֶעְדֶּרֶת, שֶׁנַּעֲשָׂה הָאֱמֶת עֲדָרִים עֲדָרִים' (סנהדרין צז.), וְכָל אֶחָד אוֹמֵר שֶׁאֶצְלוֹ הָאֱמֶת וְכוּ'. וְכָל זֶה נִמְשָׁךְ מִבְּחִינַת הַחִלּוּף שֶׁל בֶּן הַמֶּלֶךְ הַנַּ"ל שֶׁלָּקַח בֶּן הַשִּׁפְחָה הַמְּלוּכָה לְעַצְמוֹ וְאֶת בֶּן הַמֶּלֶךְ גֵּרֵשׁ וְכוּ', שֶׁמִּשָּׁם נִמְשָׁךְ בְּחִינַת חִלּוּף הַמְּלוּכָה עַכְשָׁיו בִּכְלָלִיּוּת, שֶׁהָעוֹבְדֵי כּוֹכָבִים יֵשׁ לָהֶם כָּל הַמְּלוּכָה

זוכן נאר צו משכיח זיין דעם אויבערשטנ'ס נאמען, זוכן נאר צו ארייננברענגען אפיקורסות אין די וועלט. אבער דער רבי גרייט צו אנטקעגן זיי א בנין נפלא, וואס מאכט פון זיי "**בְּשׂוֹא גַלָּיו אַתָּה תְשַׁבְּחֵם**[כה]" - ער צוברעכט זיי די אלע כוואליעס, ס'ווערט גארנישט פון זיי.

מען דארף גלייבן אין רבינ'ס כח, מ'דארף גלייבן. ווער קען זיך שלאגן מיט רשעות פון דעם דור? - נאר דער רבי! דער רבי שלאגט, דער רבי מאכט א ראש השנה, ער ברעכט איין, ברעכט איין די גאנצע רשעות, די גאנצע רשעות. אלע מיני אפיקורסים זיי קענען גארנישט מאכן.

נאר אלע פעולות - אפילו וואס מ'דארף טאן פעולות און זיך שלאגן פאר אידישקייט - דארף מען וויסן אז ס'איז פעולות קטנות [לעומת די גאנצע/אמת'ע מלחמה], אבער מיר דארפן נישט טראגן די זאך (נאר טאן וואס מיר קענען און זיך מקשר זיין מיט דער גרויסער גענעראל וואס פירט דא די מלחמה).

דו טראגסט - א מענטש דארף טראכטן, **וויפל האב איך געטראגן אידישקייט מער ווי וואס מ'האט מיר געהייסן**. וויפל האסטו זיך מחייה געווען, וויפל האסטו זיך משמח געווען מיטן רבי'נס ראש השנה, אז 'ראוי לשמוח כל השנה'.

דער גאנצער נצחון, דער גאנצער כיבוש - פונקט אין היינטיגער בלאט אין לקוטי הלכות הל' חזקת קרקעות[כו], רעדט ר' נתן דארט ארום אז דער גאנצער

---

וְהַמֶּמְשָׁלָה, וְיִשְׂרָאֵל מְבוּזִים וּשְׁפֵלִים בַּגָּלוּת וְעַבְדוּת וּמְגֹרָשִׁים מֵאַרְצָם כַּנַּ"ל, **וְגַם בֵּין יִשְׂרָאֵל בְּעַצְמָן, הָרְשָׁעִים וְהָאֶפִּיקוֹרְסִים יֵשׁ לָהֶם מֶמְשָׁלָה וַעֲשִׁירוּת גָּדוֹל**, וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל הַכְּשֵׁרִים עֲנִיִּים וְדַלִּים וּמְבוּזִים, וּמַכְבִּידִים עֲלֵיהֶם עֹל הַנְּתִינוּת וְהֵם לְלַעַג וּלְקֶלֶס, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב בַּזּוֹהַר הַקָּדוֹשׁ: **'וּבְגָלוּתָא בַּתְרָאָה אִנּוּן עֵרֶב רַב, אִנּוּן רֵישָׁא עַמָּא וְיִרְאֵי חֵטְא יִמָּאֲסוּ, וַחֲשׁוּבִים כִּכְלָבִים בְּעֵינֵיהֶם**', עַיֵּן שָׁם בְּרַעְיָא מְהֵימְנָא (נשא דף קכה:) וְכוּ'. וראה בפל"ח תורה קי"א: בזוהר נשא קכ"ב ע"ב: ורשעים בחשך ידמו אינון ערב רב וכו' ואתהדרן רעיין על ישראל דאינון רישי עמא עלייהו אתמר "היו צריה לראש". וכן בפרשת פנחס רצז: כד ערב רב אינון מעורבין בישראל מה כתיב "היו צריה לראש" וכו'.

**כה.** תהילים פט, י.

**כו.** הל' חזקת קרקעות ה, י"א.

ראש השנה איז כיבוש ארץ ישראל: **כִּי כָּל עֲבוֹדָתֵנוּ בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה הוּא לְגַלּוֹת וּלְהָאִיר וּלְהַמְשִׁיךְ עָלֵינוּ קְדֻשַּׁת אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, שֶׁהוּא נַחֲלָתֵנוּ וּמְקוֹר קְדֻשָּׁתֵנוּ, כְּמוֹ שֶׁמִּתְחַנְּנִים וְצוֹעֲקִים כָּל יִשְׂרָאֵל קֹדֶם תְּקִיעַת שׁוֹפָר: "יִבְחַר לָנוּ אֶת נַחֲלָתֵנוּ" וְכוּ', וּכְמוֹ שֶׁמְּבַקְשִׁים בְּבִרְכַּת שׁוֹפָרוֹת: 'תְּקַע בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל לְחֵרוּתֵנוּ' וְכוּ', שֶׁיְּקַבֵּץ נִדָּחֵינוּ מֵאַרְבַּע כַּנְפוֹת הָאָרֶץ לְאַרְצֵנוּ, וּכְמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וְהָיָה בַּיּוֹם הַהוּא יִתָּקַע בְּשׁוֹפָר גָּדוֹל, וּבָאוּ הָאֹבְדִים וְכוּ', וְהִשְׁתַּחֲווּ לַה' בְּהַר הַקֹּדֶשׁ בִּירוּשָׁלָיִם".**

מיר ווייסן דאך פון ר' אברהם'ען: " **עוֹד אֲקַבֵּץ עָלָיו לְנִקְבָּצָיו** [כז]" - אז דער 'קיבוץ' [גלויות] האט זיך שוין אנגעהויבן. ס'האט זיך שוין אנגעהויבן א קיבוץ, דער 'ובאו האובדים' האט שוין אנגעהויבן ווערן, ס'האט שוין אנגעהויבן ווערן!

**כִּי עִקַּר קְדֻשַּׁת אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי הוּא בְּאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, שֶׁיֵּשׁ לְכָל אֶחָד וְאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל חֵלֶק שָׁם, וּכְפִי מַה שֶּׁמְּקַדֵּשׁ וּמְטַהֵר עַצְמוֹ כֵּן מַמְשִׁיךְ עָלָיו קְדֻשַּׁת אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל, וְכֵן זוֹכֶה לְהַחֲזִיק וְלִכְבֹּשׁ חֵלֶק מֵאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל. וְכֵן לְהֶפֶךְ חַס וְשָׁלוֹם, כְּפִי חֲטָאָיו וּפְגָמָיו כֵּן פּוֹגֵם בִּקְדֻשַּׁת אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל וְכֵן נִתְרַחֵק מִשָּׁם, כְּמוֹ שֶׁאוֹמְרִים: 'וּמִפְּנֵי חֲטָאֵינוּ גָּלִינוּ מֵאַרְצֵנוּ' וְכוּ'.**

**כִּי עִקַּר הִתְגַּלּוּת מַלְכוּתוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁיִּתְגַּלֶּה עַל־יְדֵי מַלְכוּת מָשִׁיחַ שֶׁיָּבוֹא בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ הוּא בְּאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל וִירוּשָׁלַיִם, וּמִשָּׁם הִתְחִיל בְּרִיאַת הָעוֹלָם וּמִשָּׁם כָּל הִתְגַּלּוּת אֱלָקוּתוֹ בָּעוֹלָם וכו'. וְעַל זֶה מִתְפַּלְּלִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה: 'שִׂמְחָה לְאַרְצֶךָ וְשָׂשׂוֹן לְעִירֶךָ וּצְמִיחַת קֶרֶן לְדָוִד' וְכוּ'.**

**אֲבָל לִכְבֹּשׁ אֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל אִי אֶפְשָׁר כִּי אִם עַל־יְדֵי צַדִּיקֵי אֱמֶת, וְעַל־כֵּן נוֹסְעִין עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה לְצַדִּיקִים. כִּי "צַדִּיקִים יִירְשׁוּ אָרֶץ", וְהָעִקָּר עַל־יְדֵי**

**כז.** ראה שיש"ק הישן ג'תקנ"ז: אָמַר (ר' אברהם בר"נ): עוֹד לִפְנֵי בִּיאַת הַגּוֹאֵל כְּבָר יִהְיֶה קִבּוּץ וְיִשּׁוּב גָּדוֹל שֶׁל יִשְׂרָאֵל בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וּבְבִיאַת הַגּוֹאֵל יִתְוַסְּפוּ עֲלֵיהֶם שְׁאָר קִבּוּצֵי יִשְׂרָאֵל שֶׁבְּחוּץ לָאָרֶץ, וְדִיֵּק זֹאת מֵהַנֶּאֱמַר בַּכָּתוּב: "עוֹד אֲקַבֵּץ עָלָיו לְנִקְבָּצָיו", הַיְנוּ שֶׁהַקָּדוֹשׁ-בָּרוּךְ-הוּא יוֹסִיף לְקַבֵּץ בְּבִיאַת הַגּוֹאֵל אֶת יִשְׂרָאֵל מִפְּזוּרָיו שֶׁבְּכָל הָעוֹלָם אֶל הַקִּבּוּץ הַמְקֻבָּץ כְּבָר בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

**אֱמוּנַת חֲכָמִים הַנַּ"ל, שֶׁמַּאֲמִין שֶׁכָּל דִּבְרֵיהֶם וְכוּ' יֵשׁ בָּהֶם רָזִין, שֶׁעַל־יְדֵי־זֶה נִתְגַּלֶּה שֶׁכָּל הַבְּרִיאָה מְלֵאָה רָזִין עֲמִיקִין וְכַנַּ"ל, שֶׁזֶּה נִתְגַּלֶּה בְּאֶרֶץ־יִשְׂרָאֵל שֶׁשָּׁם כָּל הַקְּדֻשּׁוֹת וְכָל הַהִתְגַּלּוּת אֱלֹקוּת וכו'.**

[זעהט מען דא:] אז די גאנצע עבודה פון ראש השנה איז כובש זיין ארץ ישראל! אלע זאכן וואס מ'רעדט וועגן ארץ ישראל, אלע זאכן - זעהט מען דאך עין בעין, עין בעין, אז פשוט, "**וְהָרְשָׁעִים כַּיָּם נִגְרָשׁ** כח", זיי טראגן עס נישט אריבער. ס'האט זיי זיך געדאכט אז זיי האבן איינגענומען ארץ ישראל, ס'האט זיך זיי געדאכט אז זיי האבן געכאפט די שליטה אויף די זאך, און מיט די צייט האבן זיי געזעהן אז ס'גליטשט זיך ארויס פון די הענט.

זיי האבן נישט קיין כח, זיי האבן נישט, נישט אנטקעגן אראבער האבן זיי כח, און נישט אנטקעגן די אידישקייט, זיי האבן גארנישט, זיי זענען גארנישט. זיי זעען מער און מער אז זיי זענען דא, אבער זיי זענען גארנישט אין די גאנצע זאך - דערפאר זוכן זיי נאר צו זיך מתגבר זיין, וואס מער זיי זאלן שולט זיין, ממש "**אין גיבור כמתייאש** כט".

---

**כח.** ישעיה נז, כ.

**כט.** ראה ליקו"ה תפילין ה, כ"ט - לא: וְעַל־כֵּן עַכְשָׁיו בְּעִקְּבוֹת מְשִׁיחָא בְּסוֹף הַגָּלוּת צְרִיכִים לִזָּהֵר מְאֹד לְהָנִיחַ תְּפִלִּין דְּרַבֵּנוּ תָּם, כְּמוֹ שֶׁהִזְהִירוּ כָּל הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים שֶׁהָיוּ בְּיָמֵינוּ, **כִּי עַכְשָׁיו הִתְגַּבֵּר הַבַּעַל דָּבָר מְאֹד מְאֹד מֵחֲמַת שֶׁרוֹאֶה שֶׁקָּרוֹב לָבֹא קִצּוֹ, עַל־כֵּן הוּא מִתְגַּבֵּר מְאֹד**. כְּמוֹ שְׁנֵי בְּנֵי אָדָם הַנִּלְחָמִים זֶה עִם זֶה כְּשֶׁרוֹאֶה שֶׁמִּתְגַּבֵּר כְּנֶגְדּוֹ וְכִמְעַט שֶׁיִּפֹּל, אֲזַי הוּא מִתְגַּבֵּר בְּכָל כֹּחוֹ לְהַפִּיל אֶת שֶׁכְּנֶגְדּוֹ. וּכְמוֹ שֶׁאָמַר הֶחָכָם: "**אֵין גִּבּוֹר כְּמִתְיָאֵשׁ**".

וְעִקַּר הִתְגַּבְּרוּת הַגָּלוּת שֶׁמִּתְגַּבֵּר עַכְשָׁיו חַס וְשָׁלוֹם, הוּא מַה שֶּׁהַבַּעַל דָּבָר מִתְגַּבֵּר מְאֹד עַל נַפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל לְרַחֲקָם מֵה' יִתְבָּרַךְ, שֶׁזֶּהוּ עִקַּר גָּלוּת וְצָרוֹת הַנֶּפֶשׁ, כִּי חוּץ מִזֶּה הַכֹּל הֶבֶל וְכַמְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר. **וְעִקַּר הַצָּרָה מַה שֶּׁמִּתְגַּבֵּר הַבַּעַל דָּבָר לְהַכְנִיס כְּפִירוֹת וְאֶפִּיקוֹרְסוּת בָּעוֹלָם חַס וְשָׁלוֹם**, וּכְמוֹ שֶׁאָמַר רַבֵּינוּ ז"ל 'שֶׁהוֹלֵךְ אֶפִּיקוֹרְסוּת גָּדוֹל בָּעוֹלָם'. וּכְמוֹ שֶׁרוֹאִין בְּחוּשׁ, שֶׁלֹּא הָיְתָה כָּזֹאת מִימֵי עוֹלָם אֶפִּיקוֹרְסוּת כָּזֹאת בְּיִשְׂרָאֵל **כְּמוֹ עַכְשָׁיו בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים, שֶׁרַבּוּ הַמִּתְפָּרְצִים בָּעָם לְלַמֵּד אֶת נַעֲרֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל חָכְמוֹתֵיהֶם וּלְשׁוֹנוֹתֵיהֶם וְכוּ'**.

וְכָל הִתְגַּבְּרוּת הַבַּעַל דָּבָר שֶׁמִּתְגַּבֵּר עַכְשָׁיו זֶהוּ בְּחִינַת חֶבְלֵי שֶׁל מָשִׁיחַ, בְּחִינַת חֶבְלֵי לֵידָה כַּנַּ"ל. וְכָל כֹּחוֹ נִמְשָׁךְ מִשֹּׁרֶשׁ הַדִּין שֶׁל בְּחִינַת חָלָל הַפָּנוּי כַּנַּ"ל. **וְעַל־כֵּן עַכְשָׁיו אֵין כֹּחַ לַעֲמֹד כְּנֶגְדּוֹ כִּי אִם בְּכֹחַ הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים הַגְּדוֹלִים מְאֹד** וכו'.

די גאנצע זאך זייערע, זיי זוכן נישט, זיי דארפן נישט קיין טובה'ס. אפילו לשיטתם, זוכן זיי נישט די טובה פון פאלק. זיי זוכן גארנישט, זיי זוכן נאר צו האלטן דעם בענקל.

[ס'אינטערעסירט זיי גארנישט, זיי זענען גרייט צו אנברענגען דא, זאל זיין דא פינעף מיליאן גויים אנברענגען דא, א עיקר זיי זאלן ווייטער האבן די שליטה. ס'אינטערעסירט זיי נישט צו זיי האלטן א מדינה פון אידן, צו א מדינה פון גויים, צו א מדינה פון אפריקאנער, צו פון.. ס'אינטערעסירט זיי גארנישט.]

זיי האבן נישט קיין שום אנדער מטרה, נאר פשוט האלטן דעם בענקל און פייניגן און פייניגן. און חוץ פון דעם, דאס איז מענטשן מופקרים שבמופקרים.. - **דאס איז די קליפת א סטרא אחרא, ביזן סוף איז עס קליפת עמלק.**

דאס איז די "ערב רב" וואס עס שטייט [אין זוהר] אז ס'איז דא אלע סארטן ערב רב, פינעף סארטן ערב רב[ל]. דער עיקר כח פון עמלק איז זיך מתגלה אין די ערב רב[לא] וואס זיי מישן זיך אריין (אין כלל ישראל), דארטן קענען זיי גוט פייניגן, דאס איז זייער גאנצער כח.

---

**ל.** ראה זוהר בראשית דף כה: **וְחָמֵשׁ מִינִין אִנּוּן בְּעֵרֶב רַב** וכו' **וּמֵאִלֵּין דְּאִשְׁתָּאֲרוּ מִנְּהוֹן בְּגָלוּתָא רְבִיעָאָה אִנּוּן רֵישִׁין בְּקִיּוּמָא סַגִּי**. וְאִנּוּן קַיָּימִין עַל יִשְׂרָאֵל כְּלֵי חָמָס. וַעֲלַיְיהוּ אִתְּמָר (בראשית ו) כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ חָמָס מִפְּנֵיהֶם, **אִלֵּין אִנּוּן עֲמָלֵקִים**. [ וַחֲמִשָּׁה מִינִים הֵם בְּעֵרֶב רַב וכו'. וּמֵאֵלֶּה שֶׁנִּשְׁאֲרוּ מֵהֶם בְּגָלוּת רְבִיעִית, הֵם רָאשִׁים בְּקִיּוּם רַב, וְהֵם מַעֲמִידִים עַל יִשְׂרָאֵל כְּלֵי חָמָס, וַעֲלֵיהֶם נֶאֱמַר (שם ו) כִּי מָלְאָה הָאָרֶץ חָמָס מִפְּנֵיהֶם. אֵלֶּה אוֹתָם עֲמָלֵקִים.]

**לא.** ראה ליקו"ה חוה"מ ד, ה: מִקְּלִפַּת עֲמָלֵק שֶׁהוּא עִקַּר זֻהֲמַת הַנָּחָשׁ בִּבְחִינַת עֵרֶב רַב. וראה בליקו"ה ג, כה - כו: כִּי יֵשׁ רְשָׁעִים בִּבְחִינַת עֵרֶב רַב שֶׁמְּרוֹם מִשְׁפָּטוֹ מֵהֶם שֶׁעִקַּר אֲרִיכַת הַגָּלוּת עַל יָדָם כַּמּוּבָא.

וראה ליקו"ה הל' גנבה ה, לג: וְכָל זֶה מְרַמֵּז עַל אֲרִיכַת הַגָּלוּת שֶׁאַלּוּפֵי עֵשָׂו מַמָּשׁ שֶׁהֵם הָעַכּוּ"ם וְכֵן הַמַּנְהִיגִים שֶׁל שֶׁקֶר מִתְגַּבְּרִים כָּל כָּךְ עַד שֶׁכִּמְעַט נִבְלַע הַטּוֹב וְהָאֱמֶת וְלֹא נוֹדַע כִּי בָאוּ אֶל קִרְבֶּנָּה וּכְמוֹ שֶׁאִיתָא בַּתִּקּוּנִים תִּקּוּן כ' עַל פָּסוּק זֶה וְזֶה לְשׁוֹנוֹ, **וַי לְיִשְׂרָאֵל כַּד אִתְבַּלַּע בְּעֵרֶב רַב דַּעֲלַיְהוּ אִתְּמַר וְלֹא נוֹדַע כִּי בָאוּ אֶל קִרְבֶּנָּה וּמַרְאֵיהֶן רַע כַּאֲשֶׁר וְכוּ' עַד הָיוּ שָׂרֶיהָ לְרֹאשׁ אִנּוּן עֵרֶב רַב עָלֵהּ אִתְּמַר, שָׂרַיִךְ סוֹרְרִים וְחַבְרֵי גַּנָּבִים כֻּלּוֹ אוֹהֵב שֹׁחַד וְכוּ'**. נִמְצָא שֶׁקּוֹרֵא הַשָּׂרִים וְהַמַּנְהִיגִים שֶׁל שֶׁקֶר בְּשֵׁם גַּנָּבִים, **כִּי הֵם עִקַּר הַגַּנָּבִים הַגּוֹנְבִים דַּעַת הֶהָמוֹן**

ווער ס'האט א שטיקל שמעק אין פאליטיק פארשטייט, די גאנצע מהלך זייערע אין אלע ענינים זייערע - איז רשעות לשם רשעות. דאס איז פשוט די סטרא אחרא אליין, די סטרא אחרא אליין!

## דער רבי שיסט 'אטאם-באמבע'ס'!

איז ווער שלאגט זיך מיט אזא רשעות? ווער קען זיך שלאגן מיט אזא רשעות, ווער האט כח מיט זיינע אייגענע הענט צו טאן?! - אוודאי מ'דארף, וואס מ'קען טאן דארף מען טאן, איך זאג נישט - אבער על פי רוב, מ'זעהט דאך די מציאות, מענטשן ווערן נופלים בדעתם.

ליידער, א חלק פון די מענטשן וואס האבן זיך מתפשר געווען אינגאנצן, קומט פון די "נפילה בדעתם" - [און ממילא האבן זיי געקומען צו א מסקנה:] מיר האבן נישט קיין כח, מיר האבן נישט קיין כח צו זיך שלאגן, דארף מען זיך מתפשר זיין. איז געבט ער א זאג, באמת דער פראבלעם איז בכלל נישט קיין פראבלעם, מיליטער איז נישט קיין פראבלעם, מ'נעמט נישט. און אפילו אויב מ'נעמט, איז עס נישט אזוי געפערלאך, ס'איז אבער נישט, ס'איז אהין.. - און מ'מישט דעם טעפל ווי אזוי ס'לוינט זיך.

[איצטער דארף מען מאכן בחירות - מיט די מזרחי צוזאמען? וועט זיין מיט די מזרחי. מארגן וועט מען מאכן בחירות מיט די 'ליכוד', מיט אלעמען צוזאמען.. א עיקר איין זאך: איך זאל האבן דעם בענקל. ס'איז נישט משנה די גאנצע אידישקייט, 'נטורי קרתא' וועט מען אויך אריין נעמען אינעווייניג..]

---

**עַם עַד שֶׁאִי אֶפְשָׁר לַעֲמֹד עֲלֵיהֶן** בִּבְחִינַת וְלֹא נוֹדַע כִּי בָאוּ אֶל קִרְבֶּנָּה. וְיַעֲקֹב אָבִינוּ כְּשֶׁרָאָה זֹאת בְּרוּחַ קָדְשׁוֹ מַה שֶּׁיִּהְיֶה בְּאַחֲרִית הַיָּמִים הָאֵלֶּה תָּמַהּ כַּנַּ"ל. אֲבָל הַפִּקֵּחַ הֵשִׁיב לוֹ כִּי אַף עַל פִּי כֵן נִיצוֹץ אֶחָד וְכוּ', דְּהַיְנוּ **עַל יְדֵי יוֹסֵף הַצַּדִּיק שֶׁהוּא יוֹדֵעַ לִפְתֹּר וּלְתַקֵּן בְּחִינַת חֲלוֹם פַּרְעֹה עַל יָדוֹ יִתְתַּקֵּן הַכֹּל וְסוֹף כָּל סוֹף יִתְגַּלֶּה הָאֱמֶת** וְכַנַּ"ל.

אים איז נישט משנה, אינטערסירט אים גארנישט. אים אינטערסירט נאר איין זאך, פייניגן אידישקייט און זאל איך האבן דעם בענקל. חוץ פון דעם אינטערסירט אים גארנישט. גארנישט! ס'איז מענטשן וואס ס'אינטערסירט זיי גארנישט!

אבער מענטשן ווערן מיטגעשלעפט מיט זיי, דער המון עם, ס'איז א רחמנות. רוב מענטשן, מענטשן האבן שטעלעס, ס'איז דא טויזנטער טויזנטער אידן האבן שטעלעס ביי זיי, טויזנטער, צענדליגער און הונדערטער טויזנטער האבן פרנסה ביי זיי. ס'איז אלעס פארדרייט, מענטשן זענען נגרר נאך זיי אויף א.. ס'איז א גלות, באמת א גלות!

איז ווער קען ארויסשלעפן כלל ישראל פון דעם גלות? - דאס איז נאר דורך עפעס א שטארקן כח, דא דארף מען האבן א כח אמיתי! וואס איז דער כח? -דאס איז דער כח פון צדיק, דאס איז דער כח, דאס איז דער כח פון ראש השנה פון רבי'ן, דער ראש השנה פון רבי'ן שלאגט זיך! דאס איז **"כיבוש ארץ ישראל"** [לב]!

פון וועמען איז מען עס כובש? - מ'איז עס כובש פון זיי [פון די ערב-רב און אלע קליפות]! מ'איז כובש ארץ ישראל, א טראט נאך א טראט. מ'איז כובש, מ'נעמט ארויס פון זיי, די לופט נעמט מען ארויס פון זיי, מ'שמאטשקעט זיי אויס. מ'האלט זיי אין איין צוברעכן.

יעדע יאר, אז מ'קוקט זיך איין אויף צוריק - קען מען זען וויפל מפלות זיי האבן, זיי האלטן אין איין פאלן און קראכן. נאר יעדן טאג נעמען זיי ארויס פון די אוצרות נאך אפאר גזירות און 'מעשי רשעות'. נאך; איך האב נאך עפעס ניצוצות צו מתקן זיין - אפשר וועט איר זיך פארען מיט דעם אויך. מ'געבט א שלעפ ארויס נאך אביסל רשעות, כדי מ'זאל האבן נאך אביסל

---

**לב.** ראה ליקו"מ תורה כ' [שהצדיק עוסק לכבוש את ארץ ישראל וכו' ונלחם להכניע כל הקלי' המונעים לבוא לארץ ישראל וכו' וכל הרשעים והקלי' הסובבים את ירושלים וכו', עיי"ש.]

באהאלטענע ניצוצות וואס ליגט טיפער אין זיינע קישקעס, נעמט ער פון דארט אויך ארויס, נאך מער און נאך מער.

[מ'דארף וויסן:] אלעס, וואס מער זיי רודפ'ן - איז אלעס כדי דער צדיק זאל קענען נאך מער מתקן זיין, דאס איז די ארבעט.

[אחד הנוכחים: מ'זעהט אז זיי גייען אונטער!] מ'זעהט א גאנצע צייט.. אזוי שטייט "**וְהָרְשָׁעִים כַּיָּם נִגְרָשׁ**" - די רשעים זענען אזוי ווי דער ים, די כוואליעס שטורעמען און שטורעמען, ביז זיי קומען צום גבול. "**בְּשׂוֹא גַלָּיו אַתָּה תְשַׁבְּחֵם**", ער קומט צום גבול יעדע רגע, די כוואליע איז שוין צושמעטערט געווארן. קומט א נייע גל, א נייער גל, א פרישער, א פרישער כוואליע, נאכאמאל און נאכאמאל.. - ס'קוקט אויס יעדע רגע מ'גייט פארשווענקען די וועלט, מ'גייט פארשווענקען די וועלט. אבער איינער נאכן צווייטן, זיי קומען איינער נאכן צווייטן צום גבול, און ס'ווערט גארנישט פון זיילג.

ס'ווערט גארנישט פון זיי! - נאר זיי האלטן אין איין שטורעמען, און שטורעמען, און שטורעמען, און שטורעמען.. אבער ס'ווערט גארנישט פון זיי, ס'ווערט גארנישט פון זייערע אלע כוואליע'ס - וויפל געלטער, וויפל כוחות זיי לייגן, זיי וואלטן געוואלט אויסרייסן א זכר זאל נישט בלייבן, אבער ס'ווערט גארנישט פון זיי..

---

**לג.** ראה ליקו"ה בכור בהמה טהורה ד, טו: וְזֶה הָאוֹתִי לֹא תִירָאוּ אִם מִפָּנַי לֹא תָחִילוּ אֲשֶׁר שַׂמְתִּי חוֹל גְּבוּל לַיָּם חָק עוֹלָם וְלֹא יַעַבְרֶנְהוּ וַיִּתְגָּעֲשׁוּ וְלֹא יוּכָלוּ וְהָמוּ גַּלָּיו וְלֹא יַעַבְרֻנְהוּ וכו' הַיְנוּ **שֶׁאֲפִלּוּ לִשְׁאוֹן הֶמְיַת הַגַּלִּים שֶׁהֵם בְּחִינַת הִתְגַּבְּרוּת תֹּקֶף הַסִּטְרָא אָחֳרָא וְהַקְּלִפּוֹת הוּא יִתְבָּרַךְ נוֹתֵן גְּבוּל** שֶׁאֵינָם יְכוֹלִים לַעֲבֹר גְּבוּל וכו'.

ובהל' ברכת השחר ה, ס: וְעִקַּר הַגְּמָר יִהְיֶה עַל-יְדֵי מָשִׁיחַ **וְכָל זֶה תִּקּוּן הָעֵרֶב רַב שֶׁפָּגְמוּ בְּדַעַת עֶלְיוֹן**, בְּד' רַבָּתִי דְּאֶחָד וְכוּ' הָאוֹמֵר לְעוֹלָמוֹ דַּי יֹאמַר לְצָרוֹתֵינוּ דַּי, בְּחִינַת (אִיּוֹב כח) קֵץ שָׂם לַחֹשֶׁךְ וְכוּ' **אֲשֶׁר שַׂמְתִּי חוֹל גְּבוּל לַיָּם וְכוּ', שֶׁכָּל זֶה עַל-יְדֵי בְּחִינַת דָּוִד** שֶׁבְּגִימַטְרִיָּא דַּ"י, כִּי הוּא בְּחִינַת מָשִׁיחַ שֶׁיֹּאמַר דַּי לְצָרוֹתֵינוּ וְיִגְאָלֵנוּ.

[שואל: ס'גייט זיי נישט?!] בסדר! מיר זענען "מלומדי מלחמה", מיר ווייסן אין רבי'נס חדר, אז א מלחמה גייט - דער רבי זאגט[לד] אז " **וְיַחְפְּרוּ וְיֹאבֵדוּ**"; אין די מלחמה אינמיטן איז דא אבידות..

אבער ס'איז דא א צורה ווי די מלחמה גייט, די צורה פון די מלחמה דארף מען קומען לערנען ביים צדיק, מיר קומען לערנען ביים רבי'נס חדר ווי די מלחמה גייט. אויב מ'זיצט נישט ביים רבי'נס חדר, מ'לערנט עס נישט ביים רבי'ן, נאר מ'גייט עס לערנען אין די.. אפילו ביי די בעסטע - פארלירט מען גאר אסאך.

איך האב נעכטן געליינט עפעס א גליון [אויף אידישקייט] וואס איינע פון אונזערע מענטשן געבן ארויס.. ער שרייבט דארט זייער גוט, אבער מ'זעהט [אז] וואס דער רבי האט צו זאגן אין דעם - דאס שטייט נישט דארטן, דאס שטייט נישט דארט.

[אז דו לערנסט נאר ביי אים] קענסטו בלייבן נאר מיט זיין גאנצע בליק אויף דעם וואס ער שרייבט. ער איז זייער א וואויל איד, אבער ער ווייסט צו זאגן אין דעם ענין, [נאר] וואס ער ווייסט צו זאגן, אבער דער רבי זאגט דאך אסאך מער. איז ווי קענסטו בלייבן מיט דיין גאנצן בליק אויף דעם ענין נאר מיט וואס ער האט צו זאגן - נאר דאס איז די גאנצע מעשה?! - **די מעשה איז אסאך אסאך טיפער, ס'איז א טיפע מעשה, א טיפע מעשה..**

---

**לד.** ראה ליקו"מ תורה פ"ח תנינא: וְדַע, שֶׁיֵּשׁ מַלְאָךְ, וְתַחְתָּיו כַּמָּה מְמֻנִּים וְכֻלָּם אוֹחֲזִים בְּיָדָם שׁוֹפָרוֹת וְהֵם עוֹמְדִים וְחוֹפְרִים תָּמִיד וּמְחַפְּשִׂים תָּמִיד אַחַר אֲבֵדוֹת וְהֵם תּוֹקְעִים תְּקִיעָה תְּרוּעָה, וְאַחַר כָּךְ חוֹזְרִים וְתוֹקְעִים תְּקִיעָה וּכְשֶׁהֵם מוֹצְאִים אֵיזֶה אֲבֵדָה, נַעֲשֶׂה רַעַשׁ וְשִׂמְחָה גְּדוֹלָה כִּי יֵשׁ כַּמָּה דְּבָרִים אֲבוּדִים הַיְנוּ מַה שֶּׁאוֹבְדִים אֲבֵדוֹת הַרְבֵּה עַל יְדֵי הַתַּאֲווֹת בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים קי"ב): "תַּאֲוַת רְשָׁעִים תֹּאבֵד" וַאֲפִלּוּ מִי שֶׁהוּא צַדִּיק הוּא אוֹבֵד גַּם כֵּן לִפְעָמִים בִּבְחִינַת (קֹהֶלֶת ז): "יֵשׁ צַדִּיק אֹבֵד בְּצִדְקוֹ" **וַאֲפִלּוּ הַצַּדִּיקִים הַחוֹפְרִין וּמְבַקְשִׁים אַחַר אֲבֵדוֹת הֵם אוֹבְדִים גַּם כֵּן לִפְעָמִים, בִּבְחִינַת (תְּהִלִּים פ"ג, יח) "יַחְפְּרוּ וְיֹאבֵדוּ" שֶׁאֲפִלּוּ הַחוֹפְרִים אַחַר אֲבֵדוֹת חוֹזְרִים וְאוֹבְדִים לִפְעָמִים** וכו'. [וראה בליקו"ה ברכת הפירות ה' ותמצא נחת].

יעצט, אין די טיפע מעשה האט אונז דער רבי געזאגט: איך האב אזא סארט 'אטאם-באמבע' וואס רופט זיך ראש השנה! איך האב, א חוץ פון אלע געווער וואס איך האב, האב איך א גרויסע 'אטאם-באמבע'! איך שיס 'אטאם-באמבע'ס'! **איך שיס א אטאם-באמבע וואס רופט זיך ראש השנה!**

און דער אטאם-באמבע פון ראש השנה - זאגט דער רבי, אז מ'דארף זיך פרייען מיט די אטאם-באמבע. און אז מ'פריידט זיך נישט מיט די אטאם-באמבע איז עס א גרויסער פגם אין דער ראש השנה, איז א גרויסע חסרון! (ס'פעלט אסאך אין די שטארקייט און די שלימות פון דעם אטאם-באמבע..).

## "איך אָן אייך, קען נישט!"

עכ"פ, דארף מען אסאך תשובה טאן און זיך אנגרייטן אויף ראש השנה. וואס הייסט אסאך אנגרייטן? - זיך אסאך אנגרייטן מיט שמחה, מיט אסאך אמונה, אסאך אמונה. דאס הייסט "טהרת המחשבה" - מ'דארף האבן ריינע מחשבות. מ'דארף וויסן אז יעדע מחשבה וואס ס'פעלט דעם שלימות אין אמונת חכמים, אין גלייבן אין דעם אז דער רבי פירט אויס - איז א פגם אין אמונת חכמים. ס'פעלט אין די שלימות המחשבות, ס'פעלט אין די המתקת הדינים, ס'פעלט אין דעם תיקון.

דער רבי זאגט[לה]: **"איך אָן אייך קען נישט!"** - דער רבי גרייט צו א ראש השנה, ער מאכט פון דעם, פון יעדער ביסל. דער רבי זאגט, **"איר ברענגט נאר וואפנע מיט שטיינער**[לו]"! יעדער ביסל וואס מיר ברענגען, מאכט פון

**לה.** ראה חיי"מ ש"ל: גַּם אָמַר לִי אַתָּה בִּלְעָדַי אֵינְךָ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת (הַיְנוּ שֶׁאֵינִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת וְלַעֲסֹק בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם בִּלְעֲדֵי כֹּחוֹ וַעֲצוֹתָיו) אֲבָל אֲנִי בִּלְעָדֶיךָ גַּם־כֵּן אֵינִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת כְּלָל. (כְּלוֹמַר לַעֲשׂוֹת לִי טוֹבָה כָּל זְמַן שֶׁלֹּא אֶשְׁתַּדֵּל בְּעַצְמִי לְקַבְּלָהּ, כִּי מַה שֶּׁאֲנִי צָרִיךְ לַעֲשׂוֹת הוּא בְּעַצְמוֹ אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת הַכֹּל בִּלְעָדַי, אַף־עַל־פִּי שֶׁבֶּאֱמֶת הַכֹּל מִמֶּנּוּ).

**לו.** ראה חיי"מ רצ"ג: שָׁמַעְתִּי שֶׁפַּעַם אַחַת אָמַר לַאֲנָשָׁיו: **מַה לָּכֶם לַחֲשֹׁב מַחֲשָׁבוֹת,** אֵין אַתֶּם צְרִיכִים כִּי־אִם לָתֵת אֲבָנִים וָסִיד וַאֲנִי בּוֹנֶה מֵהֶם בִּנְיָנִים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים (כְּלוֹמַר שֶׁאָנוּ צְרִיכִין

דעם דער רבי "**בנינים נפלאים**". יעדע משהו וואס מיר ברענגען מאכט דער רבי 'אלפי אלפים', אלפי אלפים מאכט דער רבי פון דעם.

דאס איז זיכער, אז אנטקעגן וואס מיר ברענגען - מאכט שוין פון דעם דער רבי אלפי אלפים אז מ'קען שוין זיין פריילאך אן א שיעור.. אבער ווען מיר ווען מער זיין פריילאך, קען דער רבי פון יעדע ביסל 'פריילאכקייט' מאכן נאך אלפי אלפים; נאך מער, און נאך מער, און נאך מער..

איז דאס זאגט דער רבי: איר קומט - '**והיה פלא אצלי**'; איר גלייבט אין מיר, איר קומט דאך צו מיר, איר קומט דאך אויף ראש השנה - אבער איר הערט נישט 'עד היכן הדברים מגיעים', איר בלייבט נאך בעצבות נאכדעם. איר מיינט נאך אז זיי פירן די מדינה, [אזוי] מיינט איר - איר מיינט אז מ'האט ממליך געווען דעם אויבערשטן דא און זיי פירן נאך ווייטער די מדינה. מ'האט דא געמאכט א ראש השנה, און זיי פירן נאך ווייטער די מדינה...

[אבער] ניין, זיי פירן נישט די מדינה! זיי האבן שוין דריי צו פיר מאל בחירות געוואלט מאכן דעם יאר.. זיי זענען נישט מצליח, זיי האלטן זיך נישט. זיי קענען זיך נישט צוזאמשטעלן..

[דער מאכט א ברייטע (ממשלה) פון די פרומע, דער מאכט א ברייטע פון די פרייע, מ'פראבירט זיך פארברייטערן, מען פראבירט פון אונטערן ערד. דאס איז א מדינה וואס איז נישט מצליח צו זיך צוזאמשטעלן, ס'איז נישט מצליח. זיי ווערן מבוזה ביי זייערע בוחרים, ביי די פרייע קלייבט מען נישט, ביי די פרומע קלייבט מען נישט, מענטשן ווערן נמאס! נמאס ומואס ווערן זיי, זיי ווערן מבוזה!]

---

**רַק לַעֲסֹק בַּעֲבוֹדַת ה' בִּפְשִׁיטוּת בְּתוֹרָה וּבִתְפִלָּה וּמִצְווֹת וְהוּא עוֹשֶׂה בָּזֶה מַה שֶּׁעוֹשֶׂה**, "אִיר דַארְפְט נָאר צוּ טְרָאגְן שְׁטֵיינֶער אוּן וָואפְּנֶע אוּן אִיךְ בָּאוֶוע דֶער פוּן בִּנְיָנִים" (וּמָשַׁךְ הַרְבֵּה תֵּבַת בִּנְיָנִים כְּמַפְלִיג בְּשֶׁבַח נִפְלְאוֹת תִּפְאֶרֶת הַבִּנְיָנִים הַנּוֹרָאִים שֶׁבּוֹנֶה מִזֶּה).

ס'זיפט זיך אפ די ערב רב, ס'שיילט זיך אפ די קליפה. צוביסלאך, צוביסלאך, זעהט מען זיי ווערן נמאס ומואס, פאליטיקאנטן ווערן נמאס ומואס, אלע פאלשע פאליטיק..

[אגב, דאס איז אויך איינע פון די סיבות,] פארוואס מענטשן קומען צו פארן צום רבי'ן? - ווייל ס'גייט אראפ, דער ערך פון פול ערכים פאלט אראפ, זוכט מען אוואו איז דא עפעס אמת, זוכט מען זיך צו אנכאפן אויפן רבי'ן.

פארוואס האט מען זיך אמאל געווארפן מיט ברסלב? מ'האט אנגעקוקט ברסלב 'אפאר ציגיינער'.. פארוואס איז געווען אזוי?! – ווייל מ'איז געווען שטארק, [מ'האט געטראכט:] ביי אונז? - ביי אונז טוט'צאך, און ביי אונז טוט'צאך..

אבער צוביסלאך זעהט מען וואס טוט זיך.. צוביסלאך זעהט מען, עס הויבט אן ארויסקומען: ס'דא עפעס א רבי אמיתי אויף דער וועלט, וואס ער רעדט דיבורים, און ער שטייט און איז מחיה זיינע מענטשן. נאך מענטשן און נאך מענטשן זעען עס, דאס ברענגט ארויס - דאס איז די כבישה וואס דער צדיק איז כובש.

## דער רבי איז כובש די וועלט!

יעדער יאר ראש השנה גייט אריין מער דער רבי אין אונז, מער דער רבי אין די וועלט. אבער אלעס הויבט זיך אן ביי אונז, וויפל מיר ווערן פרייליכער, וויפל מיר נעמען אריין דעם רבי'ן אין זיך, וויפיל מיר גלייבן מער אין דעם. די וועלט ווייסט נישט צו וויסן פון רבי'ן אָן אונז. אלעס קומט דורך אונז, וואס מער מיר פרייען זיך מיטן רבי'ן.

מענטשן זיצן [אין א כולל א.ד.ג], מ'רעדט נארישקייטן, זיצט איין ברסלב'ער מלא חיות - פארשטייט מען, דא טוט זיך, ער האט א רבי'ן. מ'פארשטייט אז עפעס טוט זיך דא, מ'פארשטייט אז ס'טוט זיך דא עפעס..

כ'האב געהאט, נישט לאנג צוריק איז געווען עפעס א מעשה: א בחור'ל, א ברסלב'ער בחור'ל, וואס איז נישט געווען מסודר אין א ישיבה. איז עפעס

א עסקן פון די שטאטישע עסקנים האט אנגעהויבן רעדן מיט אים. ער האט אים געפרעגט, דער עסקן פרעגט פאר דער בחור: האסט אמונה? זאגט אים דער בחור: איך האב מער אמונה פון דיר.. פרעגט אים דער עסקן: פון וואנעט ווייסטו?!' – 'ווייל איך האב א רבי'ן!' אזוי האט אים דער בחור געענטפערט.

יענער האט געכאפט א שאק.. א בחור, דאס איז א ברסלב'ער בחור, נישט א גלאטיגער בחור ווי מ'רופט עס, אבער ער האט אמונה.. מ'זעהט ברסלב'ער בחורים דרייען זיך ארום מיט א חיות פון רבי'ן, ס'טראגט זיי דער רבי, ס'טראגט זיי דער רבי! מ'זעהט א בחור; ס'טראגט אים דער רבי! ער פילט!

נאך א מעשה: די וואך האט מיר דערציילט א טאטע, יארן וואס ער מוטשעט זיך מיט זיין קינד, און ב"ה דער קינד זיינער האט לעצטנ'ס געכאפט א שטיקל געפיל אין רבי'נס זאך, און ער האט אנגעהויבן פילן, עפעס דערהערן דעם רבי'נס גרויסקייט, און ער רעדט פון רבי'ן.

זאגט מיר דער טאטע: דער קינד, איך ווייס נישט, ער רעדט עפעס פון רבי'ן - איך ווייס נישט, עפעס אזעלכע מאדנע הויכע דיבורים רעדט ער.. זאג איך אים: וואס איז דער פראבלעם, ער זאגט איבער נישט קיין ריכטיגע זאך?" - ניין, ער זאגט.. פרעג איך אים: נו, איז וואס איז דיין פראבלעם? זאגט ער מיר: כ'ווייס נישט, אבער ס'קוקט מיר אויס אז ס'איז 'אורות'..

פאר דעם דערציילט ער מיר, אז דער בחור זיינער, ער האט אים קיינמאל נישט געזעהן זיך שאקלען, ער האט אים קיינמאל נישט געזעהן זיך שאקלען ביים דאווענען, פלוצלונג האט ער געזעהן דער בחור שאקלט זיך..

זאג איך אים: "וואס איז דאס? פארוואס שאקלט ער זיך?!" - ער האט זיך דערוואוסט פון דעם רבי'ן! ער האט זיך דערוואוסט פון דעם רבי'ן האט ער אנגעהויבן באקומען חיות, ער באקומט חיות! און דו שרייסט, און דו ווילסט אים נאך גיין פארשטיקן - דו רעדסט נאך אז ער האט 'אורות'..

פארשטייסט וואס דא טוט זיך?! - דו זאגסט נאך אז ער האט חיות, איז וואס איז די 'אורות'!? - מילא ווען ער רעדט עפעס נישט קיין ריכטיגע זאכן,

ער רעדט עפעס, ער הויבט אן רעדן סתם, אייגענע פאנטאזיעס.. - ער זאגט [בסה"כ] איבער דיבורים, און ס'רעדט צו אים! סאיז אים מחיה!

אלע דיבורים וואס דו האסט אים פראבירט מחנך זיין, א פייג איז דיר געגאנגען.. די דיבורים כאפט אים, ס'גיבט אים א חיות, ער שאקלט זיך ביים דאווענען. דו שרייסט אים א גאנצע צייט: נו, אזוי דאוונט מען!? - פראבירסט אים בוקן, אזוי ווי 'תחיית המתים טאנץ'.. ער פראבירט אים רוקן, ס'גייט נישט! [און דא] מ'האט אים פלוצלונג מחבר געווען צום רבי'ן, און ער שאקלט זיך[לז]! דער מאשין האט אנגעהויבן ארבעטן, הלא דבר הוא, ס'טוט זיך דא עפעס!

א אנדער מעשה: איינער האט מיר דערציילט, יענער איז א א ברסלב'ער חסיד וואס מאכט אסאך מיט - דערציילט ער מיר אזוי: איך רעד כסדר מיט עפעס איינעם, ער איז נישט א ברסלב'ער, עפעס איינער פון די שטארקע קרייזן, פון אונזערע קרייזן, פון די שטארקע.. - וואס ער פארעט זיך מיט מיר. איין טאג איז מיר איינער געקומען דערציילן און דער איינער האט גערעדט מיט איינעם, און יענער איז געקומען אים עס דערציילן, אז יענער איד זאגט "פארפאלן!" - יענער איז פון א מתנגד'ישע פלאץ - אבער ער זאגט: פארפאלן, איך זע די ברסלב'ער האלטן זיך! יענער זאגט אויף מיר: איך האב גערעדט מיט אים, איך ווייס וואס ער מוטשעט זיך, אבער איך זע ווי ער האלט זיך.. פארפאלן - **די ברסלב'ער האלטן זיך! די ברסלב'ער האלטן זיך!**

דאס איז א לימוד פאר אונז די אלע זאכן: וואס מער מ'גלייבט אין רבי'ן - ס'דא א אמת'ער רבי אויף דער וועלט!

---

**לז.** ראה ליקו"מ תורה ח' שעיקר הרוח חיים מקבלים מהצדיק וכו' ובליקו"מ תורה ט' תנינא שהצדיק מנפח העפרוריות מלב האיש הישראלי שיוכל לבעור להשי"ת וכו'.

מען מאכט זיך נישט וויסנדיג - ס'דא א רבי אויף דער וועלט! ס'דא א רבי! מ'רעדט נישט פון קיין פשוט'ע מעשה. ס'דא א רבי אויף דער וועלט וואס איז גרויס!

**גרויס!**

**גרויס!**

**"עולה על הכל"!** - ס'איז גרויס אן א שיעור, אן א שיעור! דער תיקון פון די וועלט איז ביי אים - -

די שמחה דארף אריינגיין אין אונז. דער רבי זאגט, איך וויל מ'זאל גלייבן אין מיר! **'היה פלא אצלי'** - אז מ'גלייבט דאך אין מיר, פארוואס זאל מען זיך נישט פרייען, פארוואס זאל מען זיך נישט פרייען? מען זאל זיך פרייען מיט דעם א גאנץ יאר!

פשט איז, אונזער מציאות - דאס איז די כלים פארן רבי'ן! דער רבי איז גרויס, אבער דער רבי דארף אונז. ער איז א גרויסער פראפעסער, ער איז א גרויסער פראפעסער, נאר ער דארף חולים וואס זענען מסכים צו זיך לאזן אפערירן (לנתח) ביי אים..

אבער מ'האט מורא, מ'האט מורא א גאנצע צייט - נו, לאז זיך, גיי אריין, גיי אריין, גיי אריין אין די זאך, מ'וועט דיר נעמען מ'וועט דיר באהאנדלען [אויפן בעסטן אופן]. דער רבי פארעט זיך מיט אונז; **לאז דעם רבי'ן באווייזן זיינע כוחות, לאז דער רבי באווייזן זיינע מופתים אויף דיר!** דער רבי מוז עס באווייזן אויף איינעם - קום זיי זיך מנדב, זיי זיך מנדב, הויב אן אריינגיין אין דעם..

## מיר זענען פארטיזאנען – די מלחמה פירט דער רבי!

[נאר צו באטאנען:] מ'רעדט איצטער נישט - מ'רעדט איצטער נישט פון זאכן וואס מ'דארף זיך שלאגן אויף דעם. מ'רעדט איצטער אין די נקודה פון

שמחה (און די אמונה), זאכן וואס מ'טוט סייווי, זאכן וואס מ'טוט סייווי - אבער מ'דארף גלייבן, מ'דארף גלייבן אין וואס דא טוט זיך, מ'דארף גלייבן.

פארוואס דאגה'ט מען נאכאמאל? מ'קלערט נאכאמאל איבער, מ'קלערט נאכאמאל איבער.. - [ווייל] מ'דערהערט נישט וואס הייסט דעם רבי'נס ראש השנה, מ'דערהערט נישט דעם מח פון די זאך. ס'איז א מח, ס'איז א מוח'דיגע מעשה, ס'איז א מוח'דיגע מעשה!

מ'דערציילט אונז די מח פון די זאך; ס'דא א שכל אין די זאך, ס'דא א מח אין די זאך, ס'דא א פלאן אין די גאנצע זאך.

די גאנצע מערכה האט א פלאן! - די אלע וואס פירן די מערכות האבן נישט קיין פלאן, זיי זענען פליטים, פליטים זענען זיי. א מענטש, ער כאפט אזוי ווי פארטיזאנען, ער שלאגט זיך אזוי ווי פארטיזאנען, א 'שוכן יערות' וואס ער שלאגט זיך מיטן דייטש, ער האט געגעבן עפעס א ווארף א באמבע, אוה! - זייער גוט! וואס מ'מאכט איז גוט.. – [אבער] דו ביסט א לוחם ביסטו?! זיצט אין וואלד לויפסט ארויס דארטן מיט א באמבע ווי א פארטיזאן – [אבער געדענק:] ס'דא א לוחם, ס'דא א אמת'ער לוחם! ס'דא א לוחם[לח] - -

דער **"סאטמאר'ער רב"** האט געזאגט בשעתו, ביי די מלחמה (די צווייטע וועלט מלחמה) - אז מ'דארף זיך וועלן ראטעווען! יעדער איינער וואס ער זוכט זיך צו וועלן ראטעווען ("אתערותא דלתתא"), מאכט ער א "אתערותא דלעילא", ער וויל זיך ראטעווען.

רוב מענטשן האבן פארלוירן די מוחין. גענדיגט, שוין, משיח וועט קומען, משיח גייט קומען, מ'וועטווארטן, מ'וועט זיך לאזן שחט'ן ביז משיח וועט קומען, רח"ל.. – מ'דארף זיך וועלן ראטעווען!

---

**לח.** [ועלינו מוטל לעשות את מה שבכוחנו, בהתקשרות וסמיכה על כוחו של אותו זקן דקדושה הלוחם הגדול הרב את ריבנו ולוחם את מלחמתנו. ראה בעל"ת מכתב שכ"ג: **וְאִם כִּי אֵין לִי כֹּחַ לִלְחֹם כָּל כָּךְ וְכוּ' אֲבָל הֲלֹא אֲנִי כְּמוֹ הָאִישׁ חַיִל הַפָּשׁוּט שֶׁגַּם הוּא לוֹקֵחַ כְּלֵי זַיִן מִבֵּית הַמֶּלֶךְ, וּמֻכְרָח לִלְמֹד תַּכְסִיסֵי מִלְחָמָה וְכוּ' בְּכָל יוֹם, וְהַכֹּל בְּכֹחַ הַמֶּלֶךְ וְהַשָּׂרִים הַמְלַמְּדִים אוֹתוֹ וְכוּ'.**]

ער האט געזאגט, אז דער מערסטער וואס האט גורם געווען בפועל צו אפשטעלן די מלחמה, איז געווען ר' **מיכל בער ווייסמאנדל**. ער האט זיך אריינגעלייגט, ער האט געגלייבט אין א ישועה, ער האט געטאן ווילדע זאכן, ער האט זיך אריינגעטאן, און ער האט געמאכט א "אתערותא דלתתא". נאר די גאנצע וועלט האט פארלוירן די תקווה, מ'האט אויפגעהויבן די הענט.

דאס איז זאכן וואס מיר קענען עס פון רבי'נס חדר די זאכן. די "מוחין", וואס דער רבי זאגט, אז די גאנצע, אלע דינים קומט פון די מוחין פון דעם מענטשן. א מענטש דרייט זיך ארום, און ער טראכט, ער טראכט פארשלאפענע מחשבות - ברענגט ער ארויף דינים אויף דער וועלט. אבער אז ער ברענגט, ער בינדט זיך צו צום צדיק, ער הויבט אן טראכטן מחשבות פון תקווה - מאכט ער המתקות אין די וועלט, מאכט ער טאקע המתקות.

אויב מ'טראכט אז דער רבי פירט די מלחמה מיט זיי (עם כוחות הרע), מאכט מען המתקות אין די וועלט.

אויב מ'מיינט אז דער טוה'ער (עסקן), דער, יענער.. - זיי זענען פיינע אידן, באמת פיינע אידן, זיי טוען די בעסטע וואס זיי קענען - אבער אויב דו מיינסט אז די אידישקייט שטייט אויף 'פלוני אלמוני' וואס ער טוט וואס ער טוט [וואס איז טאקע די בעסטע וואס ער קען] מיט דעם האט זיך געענדיגט די מלחמה - האסטו א גרויסן טעות!

דו מיינסט אז דו הויבסט הענט, אז דו ווייסט נישט וואס וועט זיין.. – איז פארפאלן די מלחמה. [וויסן זאלסטו:] **די מלחמה פירט דער רבי! די מלחמה פירט דער רבי!** ווען פירט ער די מלחמה? - ראש השנה! **מיטן ראש השנה פירט דער רבי די מלחמה!**

## "עדה קדושה ונוראה"

מ'גלייבט אין דעם ראש השנה, מ'גלייבט אין די מענטשן וואס קומען אויף ראש השנה, מ'גלייבט אין יעדער איינער פון אונזערע לייט, אין יעדער איינער וואס איז געקומען.

ר' נתן זאגט אין הלכות ראש חודש[לט]: אז מ'דארף גלייבן אין די **חכמים המתאספים**, אזוי זאגט ר' נתן. מ'דארף גלייבן אין יעדער ברסלב'ער חסיד, יעדער ברסלב'ער חסיד וואס ער איז א חכם - ער ווייסט אז מ'דארף קומען צום רבי'ן ראש השנה, קומט ער.

[וואס איז די חכמה:] זעהסט דאך אז ס'איז דא טויזנטער מענטשן, גרעסערע חכמים פון אים, און זיי ווייסן נעבאך נישט אז מ'דארף קומען צום רבי'ן ראש השנה.. - און דער איד האט א תמימות אז דער רבי זאגט אז מ'דארף קומען ראש השנה, קומט ער - איז ער א חכם אמיתי! ער איז א חכם אמיתי!

מ'דארף גלייבן אין די **"חכמים אמיתים המתאספים בראש השנה"** - מ'דארף גלייבן אז די אלע ברסלב'ער חסידים וואס זיי גלייבן אין רבי'ן, זיי קומען ראש השנה, זיי לאזן זיך קאסטן פאר דעם, און זיי גלייבן אין דעם, און זענען זיך מחזק מיט דעם, און זיי לעבן פון דעם א גאנץ יאר.

מ'דארף גלייבן, מ'דארף גלייבן אין דעם "התאספות", אין די **"עדה קדושה ונוראה"** ווי ר' נתן רופט עס. די **'עדה קדושה ונוראה'** פון די צענדליגער

---

**לט.** ליקו"ה ראש חודש ז, ג. וראה ברוחא דחיי קונטרס י"ב (עמ' י"ז): על כל פנים, זאגט ער עפעס א אינטרעסאנטע לשון, **"וימשיך על עצמו קדושת ראש השנה של החכמים אמתיים המתאספין יחד בראש השנה"** - ראש השנה זענען זיך מתאסף אלע חכמים אמיתיים. ס'משמע אז מ'רעדט דא אגאנץ יאר, אז מ'דארף ממשיך זיין אויף זיך די קדושת ראש השנה, זיך דערמאנען פון ראש השנה, וואס די 'חכמים אמיתיים' קומען זיך צוזאמען אויף ראש השנה. **מ'זהעט דא, אז ברסלב'ר חסידים ווערן אנגערופן "חכמים אמיתיים".** (וראה בליקו"ה שבת ו, ז).

טויזנטער אידן, וואס זיי קומען פון אלע שטעט, פון אלע פלעצער, פון אלע סארטן, אלע אלע מיני סארטן מדריגות. אידן וואס זיי ווייסן אז דער רבי דאס איז דער תיקון פון די וועלט! **ראש השנה דאס איז דער תיקון פון די וועלט!**

זיי ווייסן אז מ'דארף קומען - מען קוקט אויף גארנישט, זיי ברעכן אלע מניעות. נישטא קיין איינער פון די אלע מענטשן וואס קומען אויף ראש השנה צום רבי'ן, וואס קומט באקוועם. אלע מענטשן, זיי קומען פון יעדער שטאט, פון יעדער ווינקל, יעדער איינער ברעכט מניעות אין זיין פלאץ, אין זיין משפחה, מיט זיין עדה, מיט זיין מצב וואו ער לעבט, מיט מניעות, מחמת ממון, מיט נאך כל מיני זאכן..

פארוואס? - ווייל יעדער איינער גלייבט אז מיט דעם זיך אנשטרענגען מיט דעם קומען דא, וועט דער צדיק פועל'ן פאר אים אזעלכע זאכן, אז ס'לוינט דאס אלעס. דאס רופט זיך "חכמה דקדושה"; די חכמה דקדושה פון צענדליגער טויזנטער אידן, וואס זיי האבן חכמה דקדושה צו גלייבן.

ס'איז קיינמאל נישט געווען אין די פריערדיגע דורות אזא **"עדה קדושה ונוראה"**, אזוי פיל אידן וואס גלויבן אין רבי'ן - אזוי ווי היינט. ס'איז דאך געווען א געלעכטער, אפאר ברסלב'ער חסידים האבן זיך צאמגענומען אין אומאן..

אמאליגע צייטן, מ'האט געדארפט האבן פאליציי זאל אכטונג געבן אויף זיי, מ'האט זיי באווארפן. אין אומן אליין האט מען זיי באווארפן מיט שטיינער אין שוהל, יעדער יאר האט זיך אפגעטאן. ברוך ה' - שרייבט ר' **נחמן טולטשינער**[מ] און (אזוי אויך) ר' **נתן ר' לייבאלע ראובן'ס**[מא] - ס'איז אריבער נאך א ראש השנה בשלום, מ'האט א דורך געשטופט.

---

**מ.** ראה במכתבי רבי נחמן מטולשין מכתב ה': שָׁלוֹם וְכָל טוּב לָכֶם וּלְכָל אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַיּוֹשְׁבִים בְּאֶרֶץ הַקֹּדֶשׁ וּלְאַרְעָא קַדִּישָׁא, יַשְׁפִּיעַ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עָלֶיהָ טַל וּמָטָר לִבְרָכָה וּלְחַיִּים וּלְשֹׂבַע, לְכָל אַחֵינוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַדָּרִים עָלֶיהָ אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן. אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן. לְהוֹדִיעַ חֲדָשׁוֹת אָיִן. **כִּי אֲשֶׁר**

און היינט ב"ה, ס'האט זיך איבערגעדרייט די וועלט, ס'דרייען זים ארום צענדליגער טויזנטער אידן וואס גייען מיט א אויפגעהויבענע קאפ; מ'דארף פאלגן דעם רבי'ן! מ'דארף פאלגן דעם רבי'ן!

דאס ברענגט אז אנדערע וואס זיי פארן נישט זאגן: אבער איך בין מקושר, איך גלייב! ס'איז משנה די גאנצע וועלט. איז דאס [טאקע] משנה, ס'ברענגט אריין דעם רבי'ן אין די וועלט. דארף מען דאך גלייבן אין דעם און זיך פרייען מיט דעם. ס'טוט זיך - גלייבן אז ס'טוט זיך.

**נישטא נאך אזא פעולה קעגן די אלע כוחות הרשע ווי דעם רבי'נס ראש השנה!** דאס איז א פעולה קעגן אלע כוחות הרשע. חוץ וואס ס'איז בפרטיות א תיקון פאר יעדער איינער, איז דאס באמת דער תיקון (הכללי) פון די גאנצע וועלט, פון אלצדינג!

## די אמת'ע "מחריבי ירושלים"!

ר' נתן רעדט אין הלכות ערלה[מב], ער רעדט אויף תורה "תקעו ממשלה" (תורה א' תנינא) - זאגט דארטן ר' נתן: אז דאס וואס דער רבי זאגט אז ס'דא

---

**הָיָה בָּרוּךְ הַשֵּׁם בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה הֶעָבַר שָׁקֵט וְשַׁאֲנָן כְּבָר שְׁמַעְתֶּם.** [..] אַשְׁרֵיכֶם אֲשֶׁר אַתֶּם יוֹשְׁבִים בְּצֵל אַרְעָא קַדִּישָׁא וּמִסְתָמָא מִשְׁתּוֹקְקִים וּמִתְגַּעְגְּעִים לְהִתְאַבֵּק בַּעֲפַר צִיּוֹן הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא אֲשֶׁר חָפַר וּמָצָא שֹׁרֶשׁ קְדֻשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, כַּמְרֻמָּז בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים וְהַנְּעִימִים. וְאַשְׁרֵינוּ שֶׁאֲנַחְנוּ זוֹכִים לְהִתְאַבֵּק בְּפֹה בַּעֲפַר צִיּוֹן הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא אֲשֶׁר חָפַר וּמָצָא שֹׁרֶשׁ קְדֻשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, וּמִשְׁתּוֹקְקִים וּמִתְגַּעְגְּעִים לְהִתְאַבֵּק בַּעֲפַר אַדְמַת קֹדֶשׁ אֶרֶץ הַקֹּדֶשׁ. כֵּן יוֹסֵף ה' עַל תְּשׁוּקָתֵנוּ לְהִשְׁתּוֹקֵק בְּהִשְׁתּוֹקְקוּת נִמְרָץ עַד שֶׁיִּגְמֹר ה' בַּעֲדֵנוּ לְטוֹב אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

**מא.** ה"ה ר' נתן ב"ר יהודה מטבריא תלמיד מוהרנ"ת, ראה נתיב צדיק מכתב קע"ד: וגם היום קבלתי מכתבך הנכתב מאסרו חג, **והחייתני במכתבך שכתבת שב"ה היה בהשקט אצלכם בחג השבועות הק' מהחולקים ומהרודפים שונאי חנם** וכו'.

**מב.** ערלה ד, ה.

דריי תאוות[מג], ס'דא דריי תאוות, דאס איז די "תאוות האכילה", מיט "תאוות ממון" און "שמירת הברית". וואס די דריי תאוות זענען מחריב ירושלים זאגט דער רבי, זיי זענען מחריב ירושלים. די מחריבים פון די האַרץ פון א איד, דאס זענען מחריבי ירושלים, דאס הייסט מחריבי ארץ ישראל - דאס איז דער חורבן פון די וועלט.

**די חורבן פון די וועלט איז די דריי תאוות!**

מ'מיינט אז די חורבן פון די וועלט איז די ציונים, אוודאי איז די ציונים, אוודאי איז די רשעים. אבער דער גאנצער כח זייערע - אלע ווייסן דאך עס אז דער גאנצער כח זייערע, פון וואנעט האבן זיי א כח צו אנקומען צו אונז? - דאס איז אלעס פון די אלע מיני משתפי פעולה. און פון וואנעט קומען די אלע משתפי פעולה? - דאס איז אלעס טובת ממון, אלעס איז די טובת הנאה. און פארוואס שלעפט זיך דער עולם באמת מיט? - אלעס איז וועגן מ'ליגט אין די (דריי) תאוות.

קומט דאך אויס, וואס איז די סיבה באמת, וואס איז באמת די סיבה וואס זיי זענען זיך מתגבר? - ס'איז זיך מתגבר, ווייל ס'דא התגברות התאוות.

דער רבי זאגט דארט אין תורה "תקעו ממשלה", אז די דריי תאוות ווערן אנגערופן "**שם**", אזוי זאגט דער רבי. ס'האט א נאמען, ס'האט א נאמען, ס'האט א פירסום; כ'וועל דיר געבן געלד! ס'רעדט ווערטער; דא איז דא געלד!

זאגט דער רבי[מד]: **"אנשי שם זה בחינת שלש מדות הנ"ל** [די דריי מידות, די דריי תאוות] **שכל אחד ואחד, נקרא בחינת שם. "ממון"** ווערט אנגערופן א "שם", און "**אכילה**" ווערט אנגערופן א "שם", און "**שמירת הברית**" - אלע

---

**מג.** וזל"ש באות ד': אַךְ יֵשׁ **שָׁלֹשׁ מִדּוֹת**, שֶׁהֵם מַחֲרִיבֵי יְרוּשָׁלַיִם, דְּהַיְנוּ הַלֵּב הַיְנוּ שֶׁמַּפְסִידִין הַיִּרְאָה הַתְּלוּיָה בַּלֵּב, וְהַשָּׁלֹשׁ הַמִּדּוֹת הֵם **תַּאֲוַת מָמוֹן וְתַאֲוַת אֲכִילָה וְתַאֲוַת מִשְׁגָּל**, כִּי שָׁלֹשׁ מִדּוֹת אֵלּוּ הֵם בַּלֵּב וְעַל כֵּן הֵם מַפְסִידִים הַיִּרְאָה שֶׁבַּלֵּב.

**מד.** שם (בתורה א' תנינא), אות ה'.

דריי ווערן אנגערופן **"שם"**. און אנטקעגן דעם, די **"יראה שבלב"** ווערט אויך אנגערופן "שם", וואס דאס איז דער **"שם דקדושה"**.

דאס הייסט אנשטאט - ס'איז דא **"לְיִרְאָה אֶת-הַשֵּׁם הַנִּכְבָּד**[מה]", דעם אויבערשטנ'ס נאמען זאל האבן א אמת'ן נאמען, דאס זאל זיין דער נאמען, דער אמת'ער נאמען! דער שם ה'! מ'זאל מורא האבן פון דעם אויבערשטן - אנשטאט דעם, האבן די תאוות א פירסום, זיי זענען משכיח דעם אויבערשטנ'ס נאמען.

## די "פרסום" פון די תאוות..

די פרסום פון די תאוות - ס'איז דאך קיינמאל נישט געווען, פאר דרייסיג יאר צוריק, האט מען נישט געזעהן וואס מ'זעהט היינט. יעדער וואפלע ארומגענומען מיט אזוי פיל קאלירן, מיט אזוי פיל חומרי טעם וריח, מיט חומרי התפחה, מיט חומרי מייצבים, מיט חומרי מרכיבים, מיט חומרי.. יעדער זאך, אלעס איז אזוי אויסגעפוצט, אזוי נישט אמת'דיג.

אלעס איז דאך נאר די אלע מחשבות, אלע 'חושבי מחשבות' טראכטן נאר ווי צו ארייינציהען מענטשן אין עסן, אויף א אופן וואס ס'איז קיינמאל נישט געווען. ס'איז קיינמאל נישט געווען אזוי פיל, אזוי פיל חושבי מחשבות צו ארייינציהען מענטשן אין עסן.

אמאל האט א מענטש - איך געדענק, איך דערצייל א אלטע מעשה, א מעשה פון דרייסיג יאר צוריק.. ס'איז נישט קיין אלטע מעשיות. פאר דרייסיג יאר צוריק, מ'האט געדארפט א פוטער, איז מען אראפגעגאנגען אין קלייט מ'האט געקויפט א פוטער. ס'האט זיך געענדיגט א ברויט האט מען געקויפט נאך א האלבן ברויט.

---

מה. דברים כח, נח.

היינט, מ'קויפט זיך אָן - מ'גייט אריין אין א קלייט, ריזיגע, גאנצע קארידארן (שורות), דא איז א גאנצע אגף פון מילכיג'ס, דא איז דער אגף פון דאס. און מ'קויפט און מ'קויפט. און טאמער האסטו נישט געלד - האסטו א כרטיס אשראי, וועסטו געבן א אשראי, פון די חברה פון יענע חברה.. און ס'איז דא כל מיני קאמבינאציע'ס, מ'דרייט - נישט משנה, קענסט קויפן פאר דריי פיר יאר, קענסט זיך יעצט איינקויפן. שפעטער וועט מען שוין טראכטן וואס מ'טוט ווייטער, שפעטער וועט מען טראכטן וואס מ'טוט מיט די געלד..

אלעס גייט אויף א אופן נאר צו אויסזייגן, אויסשמאטשקען דעם מענטשן. די אלע תאוות - מ'קויפט זיך אן, די קינדער בעטן 'קויף מיר דאס, קויף מיר דאס, געב מיר דאס'..

**ווען האט תאוות האכילה געהאט אזא פרסום?** - צו היינט מסיח דעת זיין פון תאוות האכילה אנטקעגן פאר דרייסיג יאר צוריק. אמאל, פאר דרייסיג יאר צוריק, א בחור האט געוואלט זיצן און לערנען, איז געווען א נארמאלע זאך אז בחורים עסן נישט קיין 'מזונות' אינמיטן וואך - מ'עסט נישט קיין 'גוטע זאכן' (מיני מתיקה) אינמיטן וואך, ס'איז געווען א נארמאלע פשוט'ע זאך. יעדער חסידיש'ער בחור, ס'איז געווען א פשוט'ער זאך - וואס הייסט זיך מקדש זיין תאוות האכילה? מ'עסט נישט קיין גוטע זאך אינמיטן וואך, מ'עסט נישט. ס'איז געווען א פשוט'ע זאך.

היינט טוט זיך אזא אנרייץ! אזא רשעות! אזוי פיל רשעות! - פארוואס? ווייל בעלי 'תאוות ממון' ווילן איבערפירן די וועלט. מ'מאכט געלד, מ'מאכט משוגע די גאנצע וועלט.

אויף יעדן פעקל בייגאלאך שטייט דארט 'די גרויסע היסטאריע': 'די בייגאלאך', ס'איז געווען עפעס א איד פאר הונדערט פופציג יאר וואס האט געהאט א עקסטערן טעם אין קראקא, ער האט פארשטאנען ווי מען מאכט בייגאלאך, און דאס דער טעם גייט אריבער, און ס'איז 'חבל לפספס', און דאס איז מורא'דיג.

און אזוי דער פארקויפט 'גזוז', ער פארקויפט, ער דערציילט דיר ווי ס'קומט פון די ברונעמ'ס, אזעלכע בארות, ס'איז ממש 'בארות חמר', אזעלכע

'מים חיים'.. זאלסטו טרינקען, ס'איז א שטיק געזונט. און דאס איז אָן 'צבע מאכל', און דאס איז אן 'חומר משמר', און דאס איז 'מועשר בוויטמינים' - און וואס דו האלטסט אין איין פארדינען.

וואס מער וועסט עסן וועסטו געזונטער ווערן און שטערקער ווערן, וועסטו ווערן א 'עמוד ברזל', וועסטו ווערן; וואס הייסט?! - 'תהיה ארי!' 'תחיה כמו ארי!' – און נאך אזעלכע מיני מיאוס'ע פארשטונקענע ווערטער.

בשעת ס'האט אנגעהויבן צו ארויסגיין, האט מען זיך געשעמט פון זיך אליין וואס ס'קומט דא. אבער די וועלט דרייט זיך איבער, און ס'שטעלט זיך נישט אפ! ס'גייט ווייטער און ווייטער און ווייטער, כ'ווייס נישט וואו ס'דארף אנקומען, די תאוות האבן איבערגענומען די וועלט!!

און דאס איז נאר פון 'תאוות האכילה'. און ווער רעדט פון די אנדערע תאוות, קענסט נישט רעדן פון דעם, ה' ירחם.. זאכן וואס ס'האט אמאל געהייסן נידריג און טרייף, איז געווארן א גאנצער אורח חיים, א גאנצער תכלית, א גאנצע וועג, גאנצע וועגן. מ'בייט די נעמען פון יעדע זאך, און ס'איז א גאנצער תכלית! ס'איז א שאד צו דערלייגן דעם לעבן! מ'קען לעבן - זאכן וואס ס'איז 'סם המוות' רחמנא ליצלן - מ'קען לעבן, מ'קען הנאה האבן פון די וועלט!

און מאכן געלד (תאוות ממון), ווער רעדט שוין - ווייסט נישט אז ס'רינט היינט געלד פון אלע זייטן.. אמאל האט מען זיך געדארפט מוטשען אויף א פיאסטער. ס'רינט היינט געלד, ס'דא גמ"ח'ן, ס'דא הלוואות, ס'דא מיט די בענק, ס'דא אזעלכע סארט דרייערייען. ס'איז גארנישט צו ווערן היינט א 'בעל חוב' פון דריי הונדערט טויזנט שקל ווי גארנישט. ס'איז נישט קיין פראבלעם.. - באצאלן איז א צווייטע נושא, מ'וועט שוין מאכן עפעס א 'סידור חובות', מ'וועט שוין טרעפן עפעס א עצה. ס'איז א בעיה פון די עסקנים, זיי וועלן אויך מאכן פרנסה פון דעם.. גארנישט, ס'איז געווארן א משוגענע וועלט – גארנישט, פשוט מ'גנב'עט.

און די גאנצע נושא, יעדער תאווה פאר זיך אליין עסט אויף די יראת ה'. דאס איז מחריבי ירושלים, ס'איז מחריבי ירושלים!

## די וועלט דרייט זיך איבער - וואו איז דער סוף?!

אנטקעגן דעם אלעס קומט דער צדיק מיטן ראש השנה[מז]. דער צדיק קומט מיטן ראש השנה, און ער בויעט ירושלים, ער מאכט חרוב זייערע תאוות. ער מאכט, ער נעמט ארויס, ער ברענגט אריין אז מ'זאל קענען רעדן פון דעם אמת (דער אמת זאל האבן א "שם"). וויסן אז דער גאנצער מענטש דרייט זיך דא אויף דער וועלט "א גאסט אין שטעטל".

דער מענטש קומט, ער קומט און גייט, ער קומט און גייט.. - וואס איז דער גאנצער מענטש? דער גאנצער מענטש, אט קומסטו, אט גייסטו.. וואס

---

**מז.** ראה ליקו"ה ערלה ד, ה: נִמְצָא שֶׁכְּפִי בִּנְיַן הַתּוֹרָה הַקְּדוֹשָׁה הַזֹּאת, עִקַּר הַהַתְחָלָה מִשְּׁלֹשָׁה רְגָלִים שֶׁעַל-יְדֵי זֶה שֶׁמְּקַבְּלִין הַשְּׁלֹשָׁה רְגָלִים כָּרָאוּי זוֹכִין לְשַׁבֵּר הַשָּׁלֹשׁ תַּאֲוֹת הַנַּ"ל עַד שֶׁזּוֹכִין לְכָל הַבְּחִינוֹת הַנַּ"ל. וּבֶאֱמֶת בְּוַדַּאי מִי שֶׁזּוֹכֶה לְהִתְגַּבֵּר לֵילֵךְ בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה שֶׁמִּתְגַּבֵּר לְקַבֵּל הַשְּׁלֹשָׁה רְגָלִים כָּרָאוּי וּמַמְשִׁיךְ עָלָיו הַדַּעַת בִּשְׁלֹשָׁה רְגָלִים וּמְשַׁבֵּר עַל-יְדֵי זֶה כָּל הַשָּׁלֹשׁ תַּאֲוֹת עַד שֶׁזּוֹכֶה לְכָל הַנַּ"ל בְּוַדַּאי אַשְׁרֵי לוֹ, אֲבָל בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים אָבְדָה הָעֵצָה מֵאִתָּנוּ, כִּי גַּם הָעֵצָה בְּעַצְמָהּ קָשֶׁה וְכָבֵד עָלֵינוּ לְקַיֵּם, כִּי אֵין אָנוּ יוֹדְעִין אֵיךְ זוֹכִין לְקַבֵּל הַשְּׁלֹשָׁה רְגָלִים כָּרָאוּי בְּאֹפֶן שֶׁנְּחַדֵּשׁ אֶת מֹחֵנוּ וְדַעְתֵּנוּ בְּכָל רֶגֶל וָרֶגֶל עַד שֶׁנִּזְכֶּה עַל-יְדֵי קְדֻשַּׁת הַשְּׁלֹשָׁה רְגָלִים לְשַׁבֵּר וּלְבַטֵּל כָּל הַשָּׁלֹשׁ תַּאֲוֹת הַנַּ"ל. וְעַל-כֵּן עֲדַיִן לֹא זָכִינוּ לְשַׁבֵּר כָּל הַשָּׁלֹשׁ תַּאֲוֹת הַנַּ"ל כָּרָאוּי וּמֵחֲמַת זֶה אָנוּ רְחוֹקִים מִכָּל הַתִּקּוּנִים הַנַּ"ל וְגַם מֵחֲמַת זֶה בְּעַצְמוֹ שֶׁרְחוֹקִים מִשְּׁבִירַת הַשְּׁלֹשָׁה רְגָלִים כָּרָאוּי, כִּי הָא בְּהָא תַּלְיָא, כִּי כְּפִי הַמְבֹאָר כָּאן בְּהַתּוֹרָה הַזֹּאת שֶׁהַשְּׁלֹשָׁה רְגָלִים מְשַׁבְּרִין וּמְבַטְּלִין הַשָּׁלֹשׁ תַּאֲוֹת הַנַּ"ל.

נִמְצָא שֶׁשָּׁלֹשׁ הַתַּאֲוֹת הַנַּ"ל הֵם הַהֵפֶךְ מִקְּדֻשַּׁת הַשְּׁלֹשָׁה רְגָלִים עַל-כֵּן בְּוַדַּאי כָּל זְמַן שֶׁלֹּא בִּטֵּל הַשָּׁלֹשׁ תַּאֲוֹת אֵלּוּ הוּא רָחוֹק מִקְּדֻשַּׁת הַשְּׁלֹשָׁה רְגָלִים כִּי אֵלּוּ הַשָּׁלֹשׁ תַּאֲוֹת הֵם הַהֵפֶךְ מִקְּדֻשַּׁת הַשְּׁלֹשָׁה רְגָלִים כַּנַּ"ל. וְעַל-כֵּן קָשֶׁה וְכָבֵד לִמְצֹא הָרֹאשׁ וְהַהַתְחָלָה וְכֵן הוּא בְּרֹב הָעֵצוֹת וְהַתִּקּוּנִים שֶׁקָּשֶׁה וְכָבֵד לִמְצֹא הָרֹאשׁ וְהַהַתְחָלָה מֵחֲמַת שֶׁעַל-פִּי רֹב כָּל אֶחָד תָּלוּי בַּחֲבֵרוֹ וְאֵין יוֹדְעִין מֵהֵיכָן הָרֹאשׁ וְהַהַתְחָלָה וְכַמְבֹאָר בְּדִבְרֵי אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה מִזֶּה בְּמָקוֹם אַחֵר. **וְעַל-כֵּן עִקַּר הָרֹאשׁ וְהַהַתְחָלָה שֶׁל כָּל הַתִּקּוּנִים שֶׁבָּעוֹלָם הוּא עַל-יְדֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה.** וְעַל-כֵּן נִקְרָא רֹאשׁ הַשָּׁנָה רֹאשׁ דַּיְקָא, כִּי מִשָּׁם עִקַּר הָרֹאשׁ וְהַהַתְחָלָה לִכְנֹס לַעֲבוֹדַת ה', כִּי הוּא יוֹם הָרִאשׁוֹן לַעֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, הַיְנוּ רֵאשִׁית הַתְּשׁוּבָה וְהַתִּקּוּן.

איז דא דא בכלל אויף דער וועלט? וואס איז די גאנצע וועלט, וואס איז דא דא צו זוכן בכלל אין די וועלט?!

**ס'איז דא א צדיק**, וואס דער צדיק דערציילט אונז דעם 'הבל הבלים' פון די וועלט, די וועלט איז "הבל הבלים"[מז].. איי, וואס איז פארט דא אין די וועלט? **ס'דא אין די וועלט שמחת יהדותינו; יעדער ביסל, יעדע נקודה טובה!**

און בפרט וואס מיר זענען זוכה זיך נישט מתנגד זיין אויפן רבי'ן, און מ'איז נאך מקורב צום רבי'ן, און מ'קומט נאך ראש השנה צום רבי'ן, און מ'האט א שייכות מיטן מלכות פון דעם אויבערשטן, מיט די אמונה, מיט "תיקון העולם".

**מיר האבן אזא 'אשרינו!' - אז גדולים וטובים קענען נישט זאגן אזא 'אשרינו'.. וועגן דעם איז מען דא אויף דער וועלט!**

אלעס ארום איז "הבל הבלים", אלע אנדערע זאכן איז הבל הבלים, הבל הבלים.. - אבער די שמחה, די שמחה פון התקרבות לצדיק, דאס איז אונזער חיות, דאס איז דער חיות!

מיר דארפן, די אלע שטותים דארפן מיר האבן?! - איך זאג נישט קיין 'הנהגות', איך קען עס אליין נישט אויספירן - אבער אזוי וואלט געווען ראוי: א מענטש קויפט אין שטוב, ער קויפט פלעשער, זאל ער די ערשטע זאך פאר ווען ער ברענגט עס אריין אין שטוב, זאל ער אפשניידן אלע פאפירן.

---

**מז.** ראה ליקו"ה הל' תפילה ה, ע"ד: כִּי זֶה יָדוּעַ וּמוּבָן לַכֹּל שֶׁהָעוֹלָם הַזֶּה אֵינוֹ כְּלוּם הֲבֵל הֲבָלִים אֵין בּוֹ מַמָּשׁ וּכְמוֹ שֶׁהִתְחִיל קֹהֶלֶת סִפְרוֹ הֲבֵל הֲבָלִים וְכוּ' וְחָזַר וְאָמַר הֲבֵל הֲבָלִים הַכֹּל הָבֶל וְכֵן דָּוִד אָמַר (תְּהִלִּים קמד) "אָדָם לַהֶבֶל דָּמָה יָמָיו כְּצֵל עוֹבֵר" וּכְמוֹ שֶׁפֵּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פֶּרֶק צו) לֹא כְּצִלּוֹ שֶׁל דֶּקֶל וְכוּ' אֶלָּא כְּצֵל שֶׁל עוֹף הַפּוֹרֵחַ. וְכֵן בָּאוּ כָּל חַכְמֵי אֱמֶת וְצוֹעֲקִים עִנְיָן זֶה בְּכַמָּה וְכַמָּה לְשׁוֹנוֹת אֵין מִסְפָּר וַאֲפִלּוּ כָּל חַכְמֵי אֻמּוֹת הָעוֹלָם מוֹדִים עַל כָּל זֶה כִּי הֲלֹא רוֹאִים בְּעַיִן שֶׁיְּמֵי חַיֵּינוּ הֶבֶל וְהָאָדָם מֵת בְּכָל יוֹם, כִּי הַיּוֹם וְהַשָּׁעָה שֶׁחַי לֹא יִהְיוּ עוֹד וְעַל-כֵּן מַתְחִיל יוֹם הַמָּוֶת מִיּוֹם הִוָּלְדוֹ וְכוּ' וְכַמְבֹאָר מִזֶּה בִּסְפָרִים הַרְבֵּה.

גענוג אז מען האט א פלאש, דארף מען נאך האבן אלע קאלירן מיט אלע פאפירן אין שטוב?!

קויפסט א פעקל וופלס - לייג עס אריין אין א נילון, און גענוג. ס'דארף ליגן, ס'מוז ליגן אין שטוב די פאלשע זאכן?! וואס פעלט עס דיר אויס די אלע חומרי הסתה?! די חומרי מסיון.. - וואס? צו מפרסם זיין די תאוות? ס'דארף ליגן?! - און ס'זאל אנרייצן, אנרייצן..

מ'מאכט א גאנצן עסק: די תאוות! די תאוות! די תאוות! - און ווער רעדט שוין פון די זאכן וואס מ'קען נישט רעדן פון דעם - דער זיך אנטאן היינט, ה' ירחם, אזעלכע רעש'יגע קאלירן, שמאל און קורץ. פאר מענער, פאר ווייבער, פאר קינדער.

א משוגענע וועלט! מ'ווייסט נישט וואס מ'וויל, מ'ווייסט נישט וואס מ'וויל..

דער מצב אין די מלבושים היינט איז אזוי נאריש און אום צניעותדי'ג, און אזוי דרייט מען זיך ארום אין די גאסן, קליינע מיט גרויסע אן קיין טראפ שכל נישט.. נאר צו משוגע מאכן די אלע פינסטערע יצרים פון א מענטשן.. - דאס איז כבוד?! דאס איז גלייכקייט?! דאס הייסט א טעם?!

[און אז א מאן פארשטייט נישט אין די עניני המלבוש פון ווייבער שול, איז ער שוין נישט קיין מאן, איז ער א 'מופשט'; ער איז אינגאנצן נישט קיין מענטש נישט.. און אז ער פארשטייט שוין יא, איז ער א שטיק מאנ'סביל, ס'איז שוין יענער געלעכטער..].

**א משוגענע וועלט האט זיך איבערגעדרייט, די גאנצע וועלט דרייט זיך איבער.. וואו איז דער סוף פון דעם? וואו איז דער סוף?! וואו איז דער סוף?! - מ'דארף דאך שרייען, מ'דארף שרייען צום אויבערשטן 'ראטעווע אונז פון די פינסטערניש!'**

און אז מיר קענען נישט אינגאנצן ארויס קריכן פון דעם – דארף מען טאן וואס מ'קען, וואס מ'קען! וואס מ'קען!

ר' נתן האט געזאגט: "**זיין א חסיד מיט אלע תאוות?**[מח]". א חסיד מיט אלע תאוות דארף מען זיין.. - אלעס, מורא'דיג, מ'דארף זיין, ס'דארף זיך פירן.. וואס דארף זיך פירן? וואס דארף זיין דא אין די וועלט? וואס דארף זיין אין די וועלט?! - ס'איז דער 'הבל הבלים' פון דער וועלט..

**וואס?..**

איינער האט מיר דערציילט: עפעס איינער א נגיד איז אוועק, ער האט מיטגעמאכט, א גוטע פאר יאר האט ער מיטגעמאכט יסורים. פון רוב נגידות איז וואס האט ער פארדינט מיט זיין נגידות - אז ער האט געוואוינט אין שפיטאל מיט זיין ווייב, ער האט געהאט א דירה אין שפיטאל. געווען, געליטן די גרעסטע יסורים – [אבער] פאר זיין נגידות האט ער געוואוינט אין שפיטאל.. דאס האט אים די עשירות געשענקט, דער טעם אין לעבן..

וואס? וואס קומט ארויס פון די אלע תאוות? וואס קומט ארויס?! - ס'איז דאך נאר מכאובים. יעדער זאך וואס מ'עסט זיך אן אויף דער וועלט, האט מען זיך נאר צו קראצן מיט דעם. יעדער זאך, וואס מ'גייט אריין אין די תאווה, פון וואס א תאווה דאס איז - האט מען זיך נאר צו קראצן.. גארנישט, ס'איז נישט קיין שום תכלית פון דעם.

## מיר זענען דא – נאר וועגן דעם 'אשרינו'!

דער רבי זאגט[מט]: "**מה שהעולם רחוקים מהשם יתברך**", איז נאר ווייל זיי טראכטן נישט וואס קומט ארויס פון די אלע זאכן. ס'קומט גארנישט

**מח.** ראה שיש"ק חלק ג, שע"ח: אמר פעם מוהרנ"ת - יש בני אדם שחפצים להיות אנשים כשרים, אבל יחד עם כל התאוות. "**זיי ווילן זיין ערליכע אידן - אבער מיט אלע תאוות**". וראה בשארית יצחק לר"י ברייטער: "**אוי לי, אני רוצה להיות חסיד עם כל התאוות**".

**מט.** ליקו"מ תורה י' תנינא: **מַה שֶׁהָעוֹלָם רְחוֹקִים מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵינָם מִתְקָרְבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ הוּא רַק מֵחֲמַת שֶׁאֵין לָהֶם יִשּׁוּב הַדַּעַת וְאֵינָם מְיַשְּׁבִין עַצְמָן**. וְהָעִקָּר לְהִשְׁתַּדֵּל לְיַשֵּׁב עַצְמוֹ הֵיטֵב מָה הַתַּכְלִית מִכָּל הַתַּאֲווֹת וּמִכָּל עִנְיְנֵי הָעוֹלָם הַזֶּה הֵן תַּאֲווֹת הַנִּכְנָסוֹת לַגּוּף הֵן

ארויס! "**הן הדברים הנכנסים לגוף, הן הדברים שחוץ לגוף**", ס'קומט גארנישט ארויס. כבוד איז ביזיונות, און דער זיך ארײנפאקן אינעווייניג ("תאוות הנכנסים לגוף"), ווערט פון דעם נאר חולאים מיט קרעץ. גארנישט בלייבט נישט פון דעם, ס'ווערט גארנישט פון דעם, ס'איז גארנישט!

נאר ס'דא א אמת'ער חיות - און דער חיות קען נאר דער רבי געבן. דער חיות איז נאר דאס: די שמחה מיטן רבי'ן, זיך פרייען מיט די אמונת חכמים, זיך פרייען מיטן רבי'נס גרויסקייט.

אויף דעם האט שלמה המלך געזאגט דער גאנצער "קהלת", דער גאנצער קהלת וואס שלמה המלך האט געזאגט "**הֲבֵל הֲבָלִים**", אלעס איז "**הַכֹּל הָבֶל**". כ'האב פראבירט דאס, כ'האב פראבירט דאס - שלמה המלך האט אלעס אויסגערעכנט - איך האב פראבירט זיך ארײנטאן אין חכמה, כ'האב פראבירט זיך ארײנטאן אין עשירות, פראבירט מיט ביידע צוזאמען, פראבירט אהער, פראבירט אהין.. — [אבער ער איז צוגעקומען צו די מסקנה:] ס'איז אלעס "**סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע, אֶת הָאֱלֹהִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמוֹר, כִּי זֶה כָּל הָאָדָם**[נ]**!**"

[אויף דעם פסוק דרשע'נען חז"ל:] "**כל העולם לא נברא אלא לצוות [אלא] לזה**[נא]" - די גאנצע זאך איז אז ס'איז דא איין צדיק וואס ער האט גארנישט קיין

---

תַּאֲוֹות שֶׁחוּץ לַגּוּף, כְּגוֹן כָּבוֹד וְאָז בְּוַדַּאי יָשׁוּב אֶל ה'. ועיי"ש שהדרך להגיע לישוב הדעת הוא ע"י שמחה דקדושה וכו').

**נ.** קהלת יב, יג.

**נא.** שבת דף ל' ע"ב: "כי זה כל האדם", כל העולם כולו לא נברא אלא בשביל זה, שקול זה כנגד כל העולם כולו, כל העולם כולו לא נברא אלא לצוות לזה. וראה בליקו"מ תורה קמ"א: הַצַּדִּיק נִקְרָא כָּל אָדָם, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב "כִּי זֶה כָּל הָאָדָם". וראה בליקו"ה נטילת ידים ו' אות ק' וזל"ש: "**סוֹף דָּבָר הַכֹּל נִשְׁמָע אֶת הָאֱלֹקִים יְרָא וְאֶת מִצְוֹתָיו שְׁמֹר כִּי זֶה כָּל הָאָדָם**", הַיְנוּ כִּי אֵין שׁוּם אָדָם בָּעוֹלָם כִּי אִם זֶה שֶׁמְּקַיֵּם זֹאת לְיִרְאָה אֶת ה' וְלִשְׁמֹר מִצְוֹתָיו. כִּי מִי שֶׁאֵין בּוֹ דַּעַת הָאֲמִתִּי הַזֶּה אֵינוֹ אָדָם כְּלָל [..] וְעַל-כֵּן זֶה הַצַּדִּיק שֶׁזָּכָה לָזֶה בִּשְׁלֵמוּת עָלָיו נֶאֱמַר "כִּי זֶה כָּל הָאָדָם", כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: "לֹא נִבְרָא כָּל הָעוֹלָם אֶלָּא בִּשְׁבִיל זֶה וּלְצַוּוֹת לָזֶה" וְכוּ'. וְכָל בָּאֵי עוֹלָם צְרִיכִין לְהִתְקַבֵּץ אֵלָיו לְקַבֵּל מִמֶּנּוּ הַדַּעַת הַקָּדוֹשׁ הָאֲמִתִּי לְהִתְקָרֵב לַה' יִתְבָּרַךְ **וְכָל אֶחָד כְּפִי קֵרוּבוֹ אֵלָיו הוּא בִּכְלַל אָדָם כִּי זֶה כָּל הָאָדָם כַּנַּ"ל**.

שום שייכות מיט דעם, און ווער ס'איז, יעדער איינער וויפל ער איז זוכה צו זיין **"לצוות לזה"**, און אזוי באקומט ער יראת שמים - דאס איז דער גאנצער לעבן.

דאס איז עס - וועגן דעם איז מען דא היינט אויף דער וועלט! מען איז נישט דא פאר קיין שום אנדערע זאך נישט.. **מיר זענען דא דא נאר וועגן דעם 'אשרינו'!** - וואס גדולי גדולים האבן עס נישט זוכה געווען.

דער 'אשרינו', צו זיין מקורב צום רבי'ן. אין די "העלמה", אין וואס מיר ווייסן נישט - האבן מיר די זכיה צו גלייבן אין רבי'ן, און קומען ביים רבי'ן, און זיך האלטן אין רבי'ן.. דאס איז אונזער חיות!

פאר דעם ווערט נמאס ומואס אלע תאוות[נב], פאר דעם האט מען חיות אויף דער וועלט. דאס איז אונזער חיות! דאס איז **"לֶאֱכוֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמוֹחַ[נג]"**. **"אכלו מעדנים ושתו ממתקים"** מיינט מען דאס. אכילת שבת

---

**נב.** ראה ליקו"מ תורה קנ"ז.

**נג.** קהלת ח, טו. ראה בליקו"ה תפילה ד, ח: וְעַל זֶה אָמַר שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם (קֹהֶלֶת ח): "**וְשִׁבַּחְתִּי אֲנִי אֶת הַשִּׂמְחָה אֲשֶׁר אֵין טוֹב לָאָדָם תַּחַת הַשֶּׁמֶשׁ כִּי אִם לֶאֱכוֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמוֹחַ**", שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמֹחַ בְּשַׁבָּתוֹת וְיָמִים טוֹבִים. כִּי בֶּאֱמֶת מִי שֶׁהוּא בִּכְלַל הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה הָאֲמִתִּית יֵשׁ לוֹ לִשְׂמֹחַ כָּל יָמָיו בְּכָל עֵת וּבְכָל רֶגַע, כְּשֶׁיִּזְכֹּר אֶת עַצְמוֹ הַטּוֹבָה וְהַחֶסֶד הַנִּפְלָא שֶׁעָשָׂה הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עִמָּנוּ וכו' וְהִמְשִׁיךְ עָלֵינוּ אֶת הָאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה וכו' לְקַיֵּם תּוֹרָתוֹ וּמִצְוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים וכו', אֲשֶׁר אֲפִלּוּ פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל מְלֵאִים מִצְוֹת כָּרִמּוֹן וְכֻלָּנוּ מַאֲמִינִים בֵּאלֹקִים חַיִּים וּמֶלֶךְ עוֹלָם וכו'. וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר בִּכְתָב וּבְעַל פֶּה עֹצֶם הַשִּׂמְחָה הַזֹּאת כִּי לִגְדֻלָּתוֹ אֵין חֵקֶר, כִּי הַשִּׂמְחָה הַזֹּאת הוּא לְכָל חַד כְּפוּם מַה דִּמְשַׁעֵר בְּלִבֵּהּ בִּבְחִינַת נוֹדָע בַּשְּׁעָרִים בַּעְלָהּ וְכוּ'. ובהל' הודאה ו, ס"ו: וְזֶה שֶׁהִזְהִיר שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם בְּסִפְרוֹ קֹהֶלֶת מְאֹד עַל הַשִּׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב "**אֵין טוֹב לְהָאָדָם כִּי אִם לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמֹחַ**", שֶׁפֵּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה עַל אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה שֶׁל תּוֹרָה וּמִצְווֹת וְלִשְׂמֹחַ בְּשַׁבָּתוֹת וְיָמִים טוֹבִים וְכוּ', כִּי זֶה הָעִקָּר כַּנַּ"ל. כִּי שְׁלֹמֹה מַרְבֶּה מְאֹד מְאֹד לְדַבֵּר בְּסֵפֶר קֹהֶלֶת מֵהֶבֶל הָעוֹלָם וְחוֹזֵר כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים גֹּדֶל הֶבֶל הָעוֹלָם שֶׁלֹּא יַטְעֶה הָאָדָם אֶת עַצְמוֹ וְכוּ', עַל-כֵּן אָמַר שֶׁעִקַּר הַתִּקּוּן, שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה בִּבְחִינַת אֵין טוֹב בָּאָדָם וְכוּ' כַּנַּ"ל. [..] שֶׁהַפָּסוּק מְחַזֵּק וּמַזְהִיר אֶת הָאָדָם מְאֹד שֶׁיִּזָּהֵר מְאֹד לְהִתְחַזֵּק בְּשִׂמְחָה כָּל יְמֵי חַיָּיו, כִּי מֵאַחַר שֶׁיְּמֵי חַיָּיו מֻעָטִים וּפוֹרְחִים מְאֹד מְאֹד וכו' עַל-כֵּן יִזְכֹּר אֶת יְמֵי חַיָּיו, הַיְנוּ

ויום טוב, די אלע; די אכילה דקדושה, די שמחה דקדושה[נד] - דאס איז אלעס מיט התקרבות צום צדיק. דורך דעם ווערט א טעם אין קדושת ישראל, ווערט א טעם אין די נקודות טובות - דאס איז די שמחה! וועגן דעם איז מען דא דא אויף דער וועלט!

חוץ פון דעם - האט דער רבי געזאגט[נה]: **דער גהינום אליין איז דא אויף דער וועלט!** ס'דא דער גהינום אליין. **ווער ס'רופט די וועלט נישט גהינום, איז א 'מכנה שם לחברו'..** - ס'איז א גהינום - עס האט נישט קיין שום אנדער נאמען - **דאס איז דער גהינום, דא איז דער גהינום!**

א מענטש רעדט זיך איין אז דא איז דא עפעס - דא איז גאר נישטא! וואס דו עסט וועסטו צאלן פאר דעם טייער, וואס דו קראצט זיך דא עפעס, וועסטו נאר צאלן פאר דעם כפלי כפלים. ס'איז נישטא אזא זאך, נישטא אזא זאך..

---

שֶׁיִּזְכּוֹ לְהַחֲיוֹתָם שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם חִיּוּת אֲמִתִּי וְקִיּוּם שֶׁיִּהְיוּ רְאוּיִים לִקְרוֹתָם בְּשֵׁם יְמֵי חַיָּיו. וְזֶה עַל-יְדֵי שִׂמְחָה דִּקְדֻשָּׁה שֶׁהוּא כָּל הַחִיּוּת כַּנַּ"ל.

**נד.** ראה בליקו"ה הל' טריפות ב, ב: וְזֶה בְּחִינַת אֲכִילַת שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב שֶׁהוּא בְּחִינַת אֲכִילָה דִּקְדֻשָּׁה, כִּי אָז הֵם יְמֵי שִׂמְחָה וְאָז מִצְוָה לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמֹחַ, כְּמוֹ שֶׁאִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ (פקודי דף רנה.), **אֵין טוֹב לָאָדָם כִּי אִם לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמֹחַ, דָּא חֶדְוָה בְּיוֹמָא דְשַׁבְּתָא וְיוֹמִין טָבִין וְכוּ'**. ובהל' תחומין ה, מ: כִּי הָעִקָּר הוּא לִשְׂמֹחַ בְּשַׁבָּת כַּאֲשֶׁר הִזְהִירָנוּ רַבֵּנוּ זַ"ל מְאֹד מְאֹד לִשְׂמֹחַ מְאֹד בְּכָל שַׁבָּת, **כִּי עִקַּר מִצְוַת שַׁבָּת הוּא 'לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמֹחַ' מְאֹד בְּשַׁבָּת וּלְהִתְעַנֵּג בְּכָל הַתַּעֲנוּגִים בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב וכו'**. ובעירובי תחומין ו, כא: וְאֵלּוּ הַדְּרָכִים נִתְתַּקְּנִים עַל-יְדֵי אֲכִילַת שַׁבָּת, שֶׁעַל-יְדֵי זֶה נִמְשֶׁכֶת עִקַּר הַשִּׂמְחָה שֶׁל שַׁבָּת בִּבְחִינַת **"אֵין טוֹב בָּאָדָם כִּי אִם לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׂמֹחַ"** בְּשַׁבָּתוֹת וְיוֹם טוֹב, כְּמוֹ שֶׁדָּרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה וְכַמּוּבָן בִּדְבָרָיו זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה בְּעֵת שֶׁגִּלָּה הַתּוֹרוֹת שֶׁעִקַּר קְדֻשַּׁת שַׁבָּת מַמְשִׁיכִין עַל-יְדֵי עֹנֶג וְשִׂמְחָה שֶׁל שַׁבָּת. וְעַל-כֵּן הִזְהִיר אָז מְאֹד לְהַרְבּוֹת בַּאֲכִילַת שַׁבָּת וּלְהִתְעַנֵּג בְּכָל הַתַּעֲנוּגִים וְהָעִקָּר לְהַרְבּוֹת בְּשִׂמְחָה בְּשַׁבָּת. (ועי"ז מובא עוד פעמים רבות בליקו"ה).

**נה.** ראה ליקו"מ תורה קי"ט תנינא: עָנָה וְאָמַר רַבֵּנוּ, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הִנֵּה הַכֹּל אוֹמְרִים, שֶׁיֵּשׁ עוֹלָם הַזֶּה וְעוֹלָם הַבָּא וְהִנֵּה עוֹלָם הַבָּא אָנוּ מַאֲמִינִים שֶׁיֵּשׁ עוֹלָם הַבָּא, אֶפְשָׁר יֵשׁ גַּם עוֹלָם הַזֶּה גַּם כֵּן בְּאֵיזֶה עוֹלָם **כִּי בְּכָאן נִרְאֶה שֶׁהוּא הַגֵּיהִנֹּם כִּי כֻלָּם מְלֵאִים יִסּוּרִים גְּדוֹלִים תָּמִיד ואמר שאין נמצא שום עולם הזה כלל**.

דער גאנצער זיך באקוועם מאכן, באקוועם מאכן.. די אלע עצות דסטרא אחרא, די עצת הנחש - ס'איז 'לא דובים ולא יער', ס'איז 'לא היה ולא נברא' די אלע זאכן.. ס'איז לא היה ולא נברא. די ישועה פון דעם איז נאר דער רבי און נאר דער ראש השנה פון דעם רבי'ן!

על כל פנים, מיר דארפן אסאך אסאך תשובה טאן. דאס דארף זיין די עיקר תשובה אונזערע, מ'דארף אסאך אסאך וועלן, מיר זאלן זוכה זיין [צו] "**חדש עלינו שנה טובה**", צו זוכה זיין צו די אמת'ע - וואס ר' נתן ברענגט עטליכע מאל[נג] - אז די חיים ארוכים, די חיים טובים, וואס מ'בעט אויף דעם

---

**נג.** ראה בהקדמת מוהרנ"ת לחיי מוהר"ן: וְהַכְּלָל שֶׁעִקַּר הַחַיִּים הוּא חַיִּים אֲמִתִּיִּים וכו' לֵידַע וּלְהַכִּיר אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁהוּא חַי הַחַיִּים. וְכָל אֶחָד כְּפִי קֵרוּבוֹ לָזֶה כֵּן חַיָּיו חַיִּים וכו' **וְעַל אֵלּוּ הַחַיִּים אָנוּ מִתְפַּלְּלִים הַרְבֵּה בְּרֹאשׁ־הַשָּׁנָה וְיוֹם־הַכִּפּוּרִים "זָכְרֵנוּ לְחַיִּים" "וּכְתֹב לְחַיִּים", כִּי חוּץ מִזֶּה הַכֹּל הֶבֶל וְאֵין שׁוּם חַיִּים כְּלָל.** וְעַל חַיִּים אֵלּוּ נֶאֱמַר: "לְמַעַן תִּחְיֶה" וְכוּ' "לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם" וְכוּ' (שָׁם ה, וְשָׁם ח) "לְמַעַן תִּחְיוּן", אֲבָל חַיִּים שֶׁזָּכָה הוּא זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָיוּ בְּמַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וְנִפְלָאָה מְאֹד. **אַשְׁרֵי מִי שֶׁיִּזְכֶּה לְהַרְגִּישׁ מְעַט הִתְנוֹצְצוּת מִנְּעִימוּת הַחַיִּים שֶׁלּוֹ שֶׁהָיָה חַי חַיִּים אֲרוּכִים חַיִּים טוֹבִים בֶּאֱמֶת**, כַּמּוּבָן מֵהַמַּעֲשֶׂה שֶׁל הַשִּׁבְעָה בֶּעטְלֶערְס אֲשֶׁר עַל חַיִּים אֵלּוּ בִּקֵּשׁ דָּוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם (תְּהִלִּים טז:) "תּוֹדִיעֵנִי אֹרַח חַיִּים" וְכוּ'. (וראה בחיי"מ ד').

וראה ליקו"ה תפילין ה, כג: וְזֶהוּ בְּחִינַת "**חַדֵּשׁ עָלֵינוּ שָׁנָה טוֹבָה**" שֶׁאָנוּ מְבַקְשִׁין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה, 'חַדֵּשׁ' דַּיְקָא שֶׁנִּזְכֶּה לְשָׁנָה חֲדָשָׁה דַּיְקָא. כִּי כָּל שָׁנָה הוּא פָּנִים מְיֻחָד מִשִּׁבְעִים פָּנִים שֶׁל תּוֹרָה כַּנַּ"ל, עַל-כֵּן צְרִיכִין בְּכָל שָׁנָה לִזְכּוֹת לְפָנִים חֲדָשׁוֹת לְגַמְרֵי, לִחְיוֹת מֵעַתָּה חַיִּים חֲדָשִׁים, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת חַיִּים אֲרֻכִּים כַּנַּ"ל. וְזֶהוּ בְּחִינַת מַה שֶּׁמַּרְבִּין לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְפַּלֵּל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עַל חַיִּים כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים בְּכָל תְּפִלָּה, כְּמוֹ שֶׁאוֹמְרִים, **זָכְרֵנוּ לְחַיִּים** וְכוּ', וּכְתוֹב לְחַיִּים וְכוּ', זוֹכֵר יְצוּרָיו לְחַיִּים בְּרַחֲמִים וְכוּ' וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה הַרְבֵּה **כִּי עִקַּר בְּחִינַת חַיִּים הוּא בְּחִינַת חַיִּים אֲרֻכִּים הַנַּ"ל שֶׁל הַזָּקֵן הָעִוֵּר הַנַּ"ל וכו' וְכָל בַּקָּשָׁתֵנוּ בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עַל הַחַיִּים כַּוָּנָתֵנוּ עַל חַיִּים אֲמִתִּיִּים וְנִצְחִיִּים, הַיְנוּ בְּחִינַת חַיִּים אֲרֻכִּים הַנַּ"ל**, דְּהַיְנוּ לְחַדֵּשׁ חִיּוּתוֹ בְּכָל עֵת, בְּחִינַת חַדֵּשׁ עָלֵינוּ שָׁנָה טוֹבָה, 'חָדָשׁ' דַּיְקָא כַּנַּ"ל. (וראה גם בהל' ספר תורה ד, ה: הל' סוכה ז,א. הל' נדרים ד, כג. ובהל' אומנין ד, יג)

וראה בעל"ת תל"ו מיום א' תצא תר"ג: הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְחַזֵּק לְבָבוֹ וכו' וְיַתְחִיל בְּכָל יוֹם מֵחָדָשׁ, **וּבִפְרָט בַּיָּמִים הַלָּלוּ שֶׁצְּרִיכִים לְצַפּוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה שֶׁנִּזְכֶּה שֶׁיְּחַדֵּשׁ עָלֵינוּ שָׁנָה טוֹבָה עֲדֵי נִזְכֶּה לְחַיִּים אֲרֻכִּים חַיִּים טוֹבִים שֶׁבֵּרְכוּ הַזְּקֵנִים הַקְּדוֹשִׁים אֶת הַזּוּג**

ראש השנה - מיינט מען [אויף] האט די חיים ארוכים. די חיים טובים וואס דער רבי האט גערעדט פון דעם. די חיים, דאס איז די חיים טובים וואס מיר ווילן זוכה זיין. "חיים טובים", דער חיים טובים פון "**דרכה של תורה**[נז]", דער אמת'ער אמת'ער חיים טובים.

די שמחה, די שמחה אמיתית מיט וואס מיר דארפן גלייבן, וואס די אמונה איז אונז מחייה. נאר מיט אמונה קען מען האבן די שמחה! דאס הייסט לעבן, אויף דעם לעבן בעט מען ראש השנה. דאס איז '**בספרן של צדיקים אמיתיים**[נח]', דאס איז דער יאר וואס מיר וואַרטן, דאס איז די 'שנה טובה'.

דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין אלע צו זיך שטארקן, און עס זאל נתגלה ווערן דעם רבי'נס כח. זאל זיין א ראש השנה, וואס ס'איז נאך קיינמאל נישט געווען אזא ראש השנה!

זאל זיין א גוטער יאר וואס ס'איז נאך קיינמאל אזא יאר נישט געווען! "**תכלה שנה וקללותיה תחל שנה וברכותיה**" - און מ'זאל זוכה זיין זאל זיין א שנת גאולה, במהרה.

**הַקָּדוֹשׁ**. אַשְׁרֵי הַמְחַכֶּה לָזֶה, אַשְׁרֵי הַזּוֹכֶה לָזֶה, אַשְׁרֵי אֹזֶן שֶׁשּׁוֹמֵעַ כָּל אֵלֶּה, אַשְׁרֵינוּ שֶׁאָנוּ מַאֲמִינִים וּמַרְגִּישִׁים מְעַט עַמְקוּת נוֹרְאוֹת קְדֻשַּׁת דְּבָרִים הָאֵלֶּה שֶׁלֹּא נִשְׁמְעוּ מֵעוֹלָם וכו'.

**נז.** ראה בשיחות הר"ן שיחה ש"ח באריכות נפלאה.

**נח.** ראה על"ת מכתב תל"ז.

בס"ד

מִי שֶׁתּוֹרָתוֹ בְּלֹא הֲבָנָה בָּהּ שׁוּם חִדּוּשׁ, אַף עַל פִּי שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְעַנֵּג בָּהּ גַּם כֵּן, אַף עַל פִּי כֵן אֵין לִדְרֹשׁ אוֹתָהּ לָרַבִּים

**אֲבָל מִי שֶׁחֲנָנוֹ ה' לְהָבִין וּלְחַדֵּשׁ אֵיזֶה דָּבָר כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ, הַיֹּשֶׁר מְחַיֵּב, שֶׁיְּגַלֶּה וְיַכְנִיס זֹאת הַהֲבָנָה לְעַם סְגֻלָּה, וְיֵיטִיב מִטּוּבוֹ לַאֲחֵרִים**

(ליק"ע)

# מגלים ומכניסים זאת ההבנה לעם סגולה !

## יש לנו עכשיו את ההזדמנות ואת הזכות להוציא לאור

**דיבורי ראש חבורתנו הבלתי נשכח**

# ר' חיים בנימין וורטהיימר ז"ל

## שדיבוריו היה לחדש ולהחיות את דברי רביה"ק לקיימם בתמימות ופשיטות

# חבר יקר !

## קח שותפות קבוע בעסק קדוש זה

**אִיהר וָועלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט גֶעלְט**
**און מִיט רָצוֹן און מִיט טִרְחָא**

| לתרומות | ירושלים:<br>הר"ר יהודה שטרנפלד הי"ו<br>05331.93747 | בית שמש:<br>הר"ר דוב בער רובינפלד הי"ו<br>05341.52325 |
| --- | --- | --- |